בעזהשי"ת

# אוצר המועדים

## לחג הפסח

יצא לאור

**בת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

כתה ח' תשע"א לפ"ק

# אוצר הלכות

## הכנת הסדר בליל הסדר

מען דארף זעהן אז דער סדר טיש זאל זיין צוגעגרייט נאך פון ערב פסח.

דער סדר טיש דארף זיין אויסגעצירט מיט די שענסטע כלים וואס מען האט אין שטוב, אפילו מען וועט נישט נוצן אלעס ביים סדר, זאלן אויך זיין אויפן טיש, כדי צו באשיינען דעם סדר טיש (א רמז צו דעם וואס אידן האבן געבארגט זילבערנע כלים פון די מצריים פאר זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים) דער אריה"ק ז"ל האט מקפיד געווען צו עסן אויף א טיש וואס האט פיר פיסלעך (דוגמת שולחן המקדש - באר היטב).

דער טיש זאל זיין איבערגעדעקט מיט צוויי ווייסע טישטוכער אזוי ווי שבת (מטה אפרים), דאס שענסטע וואס מען פארמאגט, אויך דער 'היסב בעט' זאל מען צוגרייטן פון ערב פסח, און זאל זיין איבערגעדעקט מיט א ווייסן יילעך, און מיט ווייסע קישענעס אזוי ווי עס פאסט פאר א קעניג (מסגרת השולחן).

אלע בעכערס און כוסות זאל מען צוגרייטן און אויסוואשן נאך ערב פסח, נאר פאר קידוש שווענקט מען נאכאמאל אויס דעם בעכער, כדי מען זאל קענען אריינגיסן אביסל וואסער אין ווין פלאש.

עס זענען פארהאן עטליכע מאכלים וואס מען ברויך האבן צום סדר טיש, דעריבער איז גלייך אז מען זאל דאס אנגרייטן פון ערב פסח, אויב קען מען דאס נישט צוגרייטן פון ערב יום טוב, מעג מען דאס אנגרייטן ביינאכט דורך א שינוי.

למשל, די זאלץ וואסער זאל מען אנגרייטן נאך פון ערב יום טוב, אויב גרייט מען דאס אן ביינאכט זאל מען קודם אריינגיסן דאס וואסער אין די כלי, און דערנאך אריינלייגן די זאלץ, אויך זאל מען נישט לייגן צופיל זאלץ, כדי עס זאל נישט זיין צו ביטער. דעם מרור, אויב ניצט מען שאלאטן, דארף מען דאס גוט באקוקן ערב יו"ט צו עס איז ריין פון ווערים, אויב נעמט מען חריין, זאל מען דאס אפרייבן ערב יו"ט, און גוט צודעקן כדי עס זאל נישט אויסוועפן ביז ביינאכט, אויב רייבט מען דאס ביינאכט זאל מען דאס רייבן אויפן טישטוך, נישט אויפן טעלער, אדער איבערדרייען די טעלער און דאס אזוי רייבן.

די זרוע דאס איז די פליגל וואס מען לייגט אויף די קערה, דארף מען אויך בראטן פון ערב יו"ט.

אויב מאכט מען היימישע ווין לכבוד פסח, דארף מען דאס אויסדרוקן און איבערזייען פון פאר יו"ט. די חרוסת, דארף מען אויך מאכן ערב יו"ט, אויב מאכט מען דאס ביינאכט, זאל מען קודם אריינגיסן די ווין, און דערנאך די ניס מיט די עפל און די איבריגע זאכן וואס מען לייגט אריין דערינען.

לכתחילה איז גלייכער אז ווען מען גרייט צו דעם טיש מיט אלע געברויכן און צוגעהערן אלעס פון ערב יו"ט, אזוי ווי פריער דערמאנט כדי מען זאל קענען אנהייבן דעם סדר, און קענען דערציילן רואיג און געלאסן די נסים פון יציאת מצרים פאר די קינדער נאך איידער זיי ווערן מיד און שלאפן איין.

מען פירט זיך אנצוצינדן לכבוד דעם סדר צוויי גרויסע ליכט, מען רופט דאס "מה נשתנה ליכט" (בני יששכר עפ"י קבלה).

מען טוט אן א ווייסן קיטל צום סדר (שהוא בגד נקי, או כדי שיהא לבו נכנע - מג"א).

## מצות סיפור יציאת מצרים

אין די נאכט פון פסח איז איינס פון די עיקר מצות צו דערציילן אלע נסים וואס דער באשעפער האט געמאכט פאר די אידן ביי יציאת מצרים, נישט אז מען אזוי דערמאנען אז עס איז געווען אזא זאך ווי יציאת מצרים, נאר טאקע דערציילן מיט אלע פרטים און זאל סתם אויסרעכענען אלע נסים פון יענעם זמן.

## הלכות ומנהגי הסדר

דער של"ה הק' שרייבט אז די קדושה פונעם סדר נאכט איז זייער גרויס, וועגן דעם זאל מען זיין געווארענט נישט צו רעדן קיין דברים בטלים, נאר צו פארמערן צו דערציילן די נסים פון יציאת מצרים. אויך דארף מען זיך גוט אויפפירן און אוודאי נישט מצער זיין די עלטערן אדער געשוויסטער (יו"ד ר"מ).

מען פירט זיך צו טיילן פאר די קליינע קינדער ניסלעך, אדער אנדערע גוטע זאכן, כדי זיי זאלן פרעגן די פיר קשיות.

ווי אויבנדערמאנט איז די עיקר מצוה פון די נאכט "והגדת לבנך" דערציילן און מחנך זיין די קינדער צו אמונה פשוטה, צו יראת שמים, און ליבשאפט צום בורא כל עולמים און צו די הייליגע תורה, און צו טון מצות בשלימות, און מיט א חשק.

פון נאך קידוש זאל מען זיין געווארענט נישט צו רעדן זאכן וואס זענען נישט וויכטיג, ווייל די נאכט איז זייער הייליג.

ביי שולחן עורך פירט מען זיך צו עסן אייער (און מען טינקט דאס איין אין זאלץ וואסער). מען דארף זיין געווארענט זיך נישט אנצועסן ביי די סעודה, כדי מען זאל קענען עסן דעם אפיקומן מיט א חשק און אפעטיט.

מען דארף זייער שטארק אנזאגן פאר די קינדער, אז ווען זיי באהאלטן דעם אפיקומן זאלן זיי דאס לייגן אויף א זיכער ארט, נישט אונטערן בעט, אדער אויף א אומריין פלאץ, און אוודאי נישט אויף דער ערד, ווייל מען וועט דאס דערנאך שוין נישט קענען עסן.

נאכן ענדיגן די הגדה פירט מען זיך צו זאגן 'שיר השירים' מיט גרויס כונה.

פסח ביינאכט ליינט מען קריאת שמע שעל המטה, נאר די ערשטע פרשה ביז והיה אם שמוע און ברכת המפיל.

## דיני ארבע כוסות

עס איז א מצוה צו קויפן רויטע וויין פאר די ארבע כוסות, ווי עס שטייט אין פסוק (משלי כ"ג, ל"א) וואס איז א רמז אויף רויטע וויין, מען טרינקט פיר כוסות, קעגן די ד' לשונות פון והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי, (ירושלמי ריש פרק ערבי פסחים).

די כוסות דארפן זיין גאנץ, נישט אפגעקלאפט, זיי דארפן זיין זויבער פון אינעווייניג און פון אויסנווייניג, מען שווענקט אויס די כוסות צו קידוש און צום בענטשן.

די 4 כוסות דארף מען טרינקען אנגעלענטערהייט אויף די לינקע זייט, אויך א זון וואס עסט ביים טאטן דארף זיך אנלענען, פרויען דארפן זיך נישט אנלענען.

בעפאר יעדן כוס וואס מען טרינקט פון די פיר כוסות זאגט מען "לשם יחוד" דאס הייסט אז מען גרייט זיך אן צו טון די מצות פון השי"ת מיט א ריכטיגע הכנה.

מען מאכט א "בורא פרי הגפן" אויף אלע 4 כוסות, אבער א נאך ברכה "על הגפן" מאכט מען נאר נאכן פערטן כוס. אויסער די 4 כוסות טרינקט מען נישט קיין אנדערע וויין, נאר אינמיטן די סעודה, צווישן דעם צווייטן און דריטן כוס מעג מען יא טרינקען.

די פיר כוסות טרינקט מען: 1) ביי קידוש, 2) נאך די הגדה, 3) נאכן בענטשן, 4) נאך הלל, אויב האט מען געטרינקען די כוסות איינס נאכן אנדערן האט מען נישט יוצא געווען די מצוה.

לכתחילה זאל מען זעהן אויסצוטרינקען דעם גאנצן כוס, לכל הפחות א שיעור רביעית אויף איינמאל. פאר קינדער וואס פארשטייען שוין דאס ענין פון סיפור יציאת מצרים, זאל מען געבן א געהעריגן כוס וואס האט א שיעור רביעית.

מען דארף זיך אנשטרענגען צו טרינקען די פיר כוסות, אפילו עס קומט אן שווער, אין דעם זכות וועט השי"ת העלפן אז מען וועט נישט דארפן אנקומען צו אנדערע רפואות.

נאך די ארבע כוסות טאר מען נישט עסן און נישט טרינקען קיין שום זאך, כדי עס זאל איבערבלייבן אין מויל דער טעם פון די מצה, און פון די וויין פון סדר. אויב איז מען דארשטיג מעג מען טרינקען וואסער, סעלצער, לעמאנעיד (ערוה"שולחן).

# אוצר אגדה

**טעם פארוואס די קערה איז אויסגעשטעלט מיט א סגו"ל אויבן און א סגו"ל אונטן:**

מען קען זאגן א רמז לויט'ן מדרש אויפ'ן פסוק עמו **אנכי בצרה, אל תקרי בצרה אלא בציר"י**. זאגט הה"ק רבי שמשון מאוסטראפאלי זי"ע אז די נקודה פון סגול איז דריי יודי"ן און עס איז מרמז אויף דריי קדושות וואס הייבן זיך אן מיט א יו"ד, י'-הו-ה, י'שראל י'רושלים. ווען די בית המקדש איז חרוב געווארן איז נאר דא צוויי יודי"ן ווייל עס פעלט די קדושה פון ירושלים. דאס זאגט די מדרש עמו אנכי בצרה, אז דער אייבערשטער איז צווישען אונז אפילו היינטיגע צייטן ווען עס איז נאר דא צוויי יודי"ן אזוי ווי א צירי.

עס שטייט אין תיקונים אזוי ווי עס איז דא א סגול דא אונטן איז אויך דא א סגול אויבן אין הימל, אקעגן די דריי זאכן, ווייל אויבן איז אויך דא ירושלים של מעלה, און די נשמות ישראל.

קומט אויס א גאנץ יאר איז דא אויבן א סגול און אונטן א צירי, ווייל דא אונטן פעלט די בית המקדש, די קדושה פון ירושלים, אבער פסח ביינאכט קומט אראפ אין יעדע אידישע הויז קדושת ירושלים, וועגן דעם מאכט מען א רמז אויפ'ן קערה א סגול אויבן און א סגול אונטן, צו מרמז זיין אז פסח ביינאכט איז דא סיי א סגול אויבן אין הימל, און אויך א סגול דא אונטן. (אגודת אזוב להגאון בעמח"ס ויגד יעקב)

**קדש ורחץ:**

דער הייליגער **חתם סופר** זאגט א טעם בדרך הלצה פארוואס מ'האט מתקן געווען אסאך סימנים ביים סדר פאר די קלענערע קינדער.

ווייל דער ציהל איז זיי איינצוגעוואוינען אז זיי זאלן זיצן און ווארטן ביים טיש, און מ'עסט נישט די סעודה ביז ווען מ'ענדיגט דעם סדר פון די הגדה.

דער **בן הרשע** ער האט נישט קיין געדולד און ער קען נישט אויסווארטן דעם גאנצן סדר, פאר דעם פרעגט ער **מה העבודה הזאת לכם**, פארוואס נעמט דאס אזוי לאנג ביז צו די סעודה?

אויף דעם ענטפערט מען אים **בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים**, טאקע וועגן דעם, ווייל איך האב געהאט געדולד צו ווארטן אין מצרים אויף די גאולה שלימה, איך האב זיך נישט געיאגט ארויסצוגיין פאר די צייט אזוי ווי די בני אפרים, האב איך זוכה געווען צו די גאולה. אילו היה שם, ווען דער רשע וואס האט נישט קיין געדולד צו ווארטן וואלט געווען אין מצרים, לא היה נגאל, וואלט ער ווען נישט אויסגעלייזט געווארן, ווייל ער וואלט ארויסגעאנגען מיט די בני אפרים און ח"ו גע'הרג'ט געווארן.

פון די צווייטע זייט דער **בן החכם** איז זייער רואיג און ער האט אסאך צייט צו פרעגן קשיות און ער וויל אלעס פארשטיין, אבער מ'קען דאך נישט צו לאנג מאריך זיין ווייל מ'דארף דאך עסן דעם אפיקומן ביים זמן, וועגן דעם זאגט מען אים די הלכה פון **אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן**, און

## טעמים על עניני הסדר

**טעם פון אנטוהן א ווייסע קיטל:**

ווייל אין די נאכט פון פסח קען מען צוקומען צו די מדרגה פונעם כהן גדול ווען ער איז אריין געגאנגען אין קדשי קדשים, אין הייליגסטן טאג פונעם יאר יום כיפור, מיט ווייסע קליידער, וועגן דעם טוען מיר אויך אָן א ווייסע קיטל.

ב) ווייל א ווייס בגד איז א חשוב'ע קלייד, און עס ווייזט אויף פרייהייט, און מיר ווייזן דערמיט אז מיר זענען שוין מער נישט קיין קנעכט נאר פרייע מענטשן.

ג) ווייל מען האט מורא געהאט אז דורך די גרויסע שמחה פונעם סדר נאכט וועט מען ח"ו צוקומען צו גיאות (מען ווען זיך גרויס האלטן אז מען האט אין איין נאכט מקיים געווען אזויפיל מצוות) וועגן דעם טוט מען אן א 'קיטל' וואס דאס איז א קלייד וואס מען טוט אן פאר נפטרים ל"ע, וואס דאס דערמאנט דעם מענטש אז מען לעבט נישט אייביג, און עס איז נישט דא מיט וואס זיך גרויסצוהאלטן (טורי זהב).

ד) ווייל ווייס איז א ריינער קאליר און עס איז נישט אויסגעמישט מיט אנדערע קאלירן, אזוי אויך איז די אויסלייזונג פון מצרים געווען דורך דעם אייבערשטן אליינס, און קיין שום זאך האט נישט צוגעהאלפן דערצו (מהר"ל מפראג בדברי נגידים).

**טעם פארוואס צינדט מען אן "מה נשתנה לעכט":**

עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בא) אז אין די נאכט וואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים, איז געווען אזוי ליכטיג ווי אין א טאג אינמיטן חודש תמוז, וועגן דעם צינדן מיר אן גרויסע לעכט וואס ברענען א גאנצע נאכט צו ווייזן אז אין די נאכט איז געווען א גאנצע נאכט ליכטיג.

מ׳דארף עסן די אפיקומן פאר חצות, ממילא קען מען נישט מאריך זיין מער ווי די מאס.

**כרפס:**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאגט א טעם אויפן עסן **כרפס** ווייל דער **צל"ח** זאגט אז מ׳עסט **מרור** וואס ווייזט אויפן **גלות**, נאך די **מצה** וואס ווייזט אויף די **גאולה**, ווייל דאס וואס אידן זענען היינט אין גלות איז כדי משלים צו זיין וואס מ׳איז נישט געווען אין מצרים 400 יאר.

אבער תוס׳ אין מס׳ שבת זאגט אז דער קישוי השיעבוד וואס אידן האבן שווער געארבעט אין מצרים דאס האט שוין משלים געווען די צייט. ממילא לויט דעם קענען שוין אידן ארויסגיין פון גלות.

ווען דעם עסט מען **כרפס**, וואס דאס איז א רמז אויף **ס׳ פר"ך**, אז די אידן האבן געארבעט שווער אין מצרים, און מיט דעם האט מען אינזינען צו פטר׳ן די מרור וואס איז א רמז אויפן גלות, ווייל די קישוי השעבוד האט שוין משלים געווען דעם גלות.

**כל דכפין יתי ויכול כל דצריך יתי ויפסח:**

עס איז געווען אמאל ווען דער **הייליגער קדושת לוי זצוק"ל** האט אריינגענומען אין שטוב אן אומפאסיגער אורח, און די בני בית האבן איהם געוואלט ארויסווארפן פון שטוב. אבער דער הייליגער בארדיטשובער האט איהם נישט געלאזט ארויסווארפן, האט ער געזאגט בענוות קדשו אז לעתיד ווען ער וועט וועלן אריינגיין בסוכת עורו של לויתן, וועט מען זאגן אויף איהם אויך אז ער איז נישט ראוי דערצו, דעמאלטס וועט מען זיך קענען אננעמען פאר איהם מיט דעם אז ער האט אויך נישט ארויסגעשיקט אן אורח שאינו הגון פון שטוב.

מיט דעם האט **כ"ק מרן רבינו שליט"א** געטייטשט (ליל הסדר תשס"ז) **׳כל׳ דכפין ייתי וייכול וכו׳**, יעדער גאסט אפילו א נישט פאסיגער אורח קען אריינקומען צום סדר, ממילא **לשנה הבאה בארעא דישראל**, און דעמאלטס וועט מען אונז באצאלן דערפאר, אז כאטש מיר וועלן נישט זיין כדאי צו זיצן צוזאמען מיט די צדיקים ווען משיח וועט קומען, וועט מען אונז נישט ארויסווארפן פון דארט.

**מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות:**

דער **ייטב לב זי"ע** ברענגט אין זיין ספר (ייטב פנים לפסח) מסביר צו זיין דאס ענין לויט ווי **הרה"ק רבי מענדעלע רימאנוב׳ער זי"ע** טייטשט דעם פסוק **"ויאמרו איש אל אחיו מן הוא כי לא ידעו מה הוא"**, ווייל דער "מן" איז דאך געווען א רוחנית׳דיגער מאכל, ווי די גמרא זאגט (יומא ע"ה ע"ב) אז דער מן איז געווען א מאכל וואס מלאכים עסן, און דער מן האט אויסגעלייטערט אלע אברים פון אידישע קינדער, אזוי אז יעדן טאג זענען אידישע קינדער נתעלה געווארן העכער אין די מדריגות, אזוי אז מען האט פון איין טאג אויפן צווייטן נישט דערקענט דעם חבר, ווייל ער איז נשתנה געווארן און נתעלה געווארן פון די נעכטיגע מדריגות. דאס זאגט דער פסוק **"ויאמרו איש אל אחיו מן הוא!"** אז יעדן טאג האבן זיי אזוי געפרעגט, און דאס איז געווען **"כי לא ידעו מה הוא"** ווייל זיי האבן זיך נישט דערקענט פון איין טאג אויפן צווייטן עכ"ד.

## טעמים על עניני הסדר

וועגן דעם רופט מען דאס אן "מה נשתנה" לעכט, ווייל די נאכט איז געווען אנדערש פון אלע אנדערע נעכט מיט די ליכטיגקיט (ילקוט אברהם).

**טעם פארוואס מ׳דארפט נאכגיין נאך רויטע וויין:**

ווייל עס איז דא דערביי א זכר צו די בלוט אין וואס פרעה האט גע׳שחט׳ן אידישע קינדער.

**טעם פארוואס מ׳לייגט אראפ פאר דעם וואס זאגט די הגדה א קערה מיט דריי מצות, מרור, חרסת, און צוויי תבשילין:**

די דריי מצות כדי מ׳זאל קענען זאגן אויף זיי די הגדה, ווי חז"ל דרש׳ענען לחם עוני, לחם שעונים עליו דברים הרבה אז מ׳דארף זאגן די הגדה אויף די מצה.

מרור און חרוסת, ווייל ס׳שטייט אין פסוק והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה, בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך, און חרוסת איז א זכר צו די ליים וואס אונזערע עלטערן האבן געארבעט דערמיט אין מצרים.

די צוויי תבשילין, ביצה און זרוע, ווייל בזמן וואס דער ביהמ"ק איז געשטאנען האט מען געדארפט ברענגען דעם קרבן פסח בשעת מ׳האט געזאגט די הגדה, יעצט אז דאס ביהמ"ק איז חרוב געווארן האבן חז"ל מתקן געווען אז עס זאל זיין אויפן טיש צוויי תבשילין איינס א זכר צו קרבן פסח, און א זכר צום קרבן חגיגה.

**טעם פארוואס די פלייש אויף די קערה נעמט מען דוקא פונעם זרוע:**

אלס זכר אז השי"ת האט זיי אויסגעלייזט בזרוע נטוי׳.

אזוי אויך די זעלבע זאך ווען עס קומט אזא הייליגע נאכט ווי פסח, און מען עסט די הייליגע מאכלים, מצה און מרור, וואס דאס איז מזכך א מענטש און ער ווערט זייער הייליג ביז ווען דאס האט אן השפעה אויף זיין חיצונית, פרעגט דאס קינד דעם טאטן "**מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות**", ווייל ער זעהט דעם טאטן יעדן איינציגן טאג און היינט זעהט ער אויס ווי א צווייטער מענטש ווייל ער איז נתעלה געווארן אין די מדריגות.

**א׳ ת׳ פתח לו**

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אמאל געוואלט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, אבער פון הימל האט מען אים מעכב געווען, אויפן וועג האבן רויבער'ס אים געכאפט מיט זיין תלמיד רבי צבי סופר ז"ל און געבינדן די הענט און פיס און פון גרויס שרעק האט דער הייליגער בעש"ט הק׳ פארלוירן אלע זיינע מדריגות.

האט רבי צבי אים געפרעגט "רבי, וואס וועט דא זיין?" האט ער אים געהייסן זאגן די אותיות "א, ב, ג" ביז "ת" מיט גרויס כוונה און אזוי איז צוריק געקומען זיינע מדריגות און זיי זענען ניצול געווארן.

מיט די מעשה האט געטייטשט דער מונקאטשער רב זצ"ל בעל מנחת אלעזר, אז דאס איז פשט "**ושאינו יודע לשאול**" אויב ער קען נישט בעטן פון הקב"ה ווייל ער האט פארלוירן זיינע מדריגות א"**ת** די אותיות פון א׳ ביז ת׳ **פתח לו** דאס וועט אים עפענען ער זאל צוריק זוכה זיין צו זיינע מדריגות.

**יכול מראש חודש:**

דער הייליגער **ראפשיצער רב זי"ע** זאגט אז עס זענען דא מענטשן וואס שטופן אפ זייער התעוררות תשובה, זיי זאגן אז זיי ווילן זיך נעמען אין די האנט אריין ווען עס וועט זיך אנהייבן א נייער זמן, עס וועט זיין ראש חדש, א נייער אנהייב, און ער זאגט **יכול**, איך קען, **מראש חודש** ווען עס איז א נייער אנהייב, אבער יעצט אין דעם מצב קען ער זיך נישט צוריק כאפן, זאגט דער בעל הגדה ת"ל **ביום ההוא**, דוקא אינעם היינטיגן טאג אין דיין יעצטיגן מצב נעם זיך אין די האנט און הייב אן צו דינען דעם אייבערשטן, איי וועסטו טענה'ן אז עס איז נישט מעגליך בשעת עס איז דא א יצר הרע, אויף דעם זאגט ער יא, דוקא **בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך**, דאס איז א רמז אויפן יצר טוב און יצר הרע, ווען ביידע זענען דא דארף מען זיך מתגבר זיין אויף אלע נסיונות און לוחם זיין קעגן דעם יצר הרע.

**יכול מראש חודש:**

טייטשט **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** א איד דארף זיך צוגרייטן מיט אן הכנה דרבה צום סדר נאכט **מראש חודש** פון ר"ח ניסן, און נישט אנקומען צום סדר אן קיין שום הכנה, אבער אויב האט ער זיך נישט צוגעגרייט ווי עס דארף צו זיין, און ער האט געלאזט די טעג דורכגיין ליידיג אן קיין שום הכנה, זאל ער נישט ווערן צובראכן ביי זיך, און ער זאל נישט אויפגעבן, ווייל ת"ל **ביום ההוא**, אפילו אין יענעם טאג אליין קען מען זיך נאך מיט כאפן און אויפהייבן אלס העכער זיך מקדש ומטהר זיין אז ער זאל זיין ראוי צו קומען צום סדר טיש.

## טעמים על עניני הסדר

**די צווייטע תבשיל נעמט מען א ביצה:**

ווייל אויף לשון ארמי זאגט מען ׳בעיא׳, וואס דאס איז א לשון פון ׳בעיא רחמנא למפרק יתנא בדרעא מרממא", השי"ת האט אונז געוואלט אויסלייזן מיט א שטארקע האנט.

**די חרוסת דארף זיין געדעכט:**

ווייל דאס איז א זכר צו די טיט וואס אונזערע עלטערן האבן מיט דעם שווער געארבעט אין מצרים.

**טעם אויף דעם וואס מ'מאכט דאס ווייך אין משקה:**

ווייל דאס איז א זכר צום דם, וועגן דעם זאל מען דאס ווייך מאכן מיט א רויטע משקה ווי בארשט אדער רויטע וויין.

**מ'מאכט די חרוסת פון פירות פון פייגן, ניס, טייטלען, מילגרויים, עפל, מאנדלען:**

ווייל די אלע זענען פירות צו וואס אידישע קינדער זענען צוגעגליכן. פייגן: התאנה חנטה פגיה. ניס: אל גינת אגוז ירדתי. טייטלען: אעלה בתמר. מילגרוים: כפלח הרימון רקתך. עפל: תחת התפוח עוררתיך. מאנדלען, ווייל הקב"ה האט שוקד געווען צוצואיילן דאס ארויסגיין פון גלות.

**טעם פארוואס מ'עסט "כרפס":**

א) ווייל עס איז די אותיות "ס" "פרך", דאס מיינט אז זעכציג מאל צען טויזנט אידן האבן געארבעט "פרך" שווערע ארבעט אין מצרים.

ב) ווייל "כרפס" איז א לשון פון "זיידן" (ווי עס שטייט "כתונת פסים"), און וועגן די זיידענע העמדל וואס די ברידערס האבן מקנא געווען יוסף הצדיק, האבן זיי אים פארקויפט קיין מצרים, און דורך דעם איז ארויס געקומען דער גאנצער גלות מצרים.

**יכול מבעוד יום**, אז מ'דארף כאטש אנהייבן די הכנה געגוג פרי אין טאג, און אויב נישט האט ער שוין פארפאסט, ת"ל וכו' **בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך**, אז אפילו ער האט דורכגעלאזט אלע זמנים מיט גארנישט, און ער האלט שוין ביים צוגעגרייטן סדר טיש קען ער נאך אלס מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים מיט אן אמת בלבב שלם, און זיך מקבל זיין עול תורה און אפלאזן יעדע זאך וואס האט שייכות מיט די טומאה ר"ל, איז די קדושה פון די נאכט אזוי גרויס אז זי איז בכח אויפצוהייבן דעם איד אזוי הויך אפילו אן קיין הכנה פון פריער.

דאס זאגט ווייטער דער בעל הגדה **מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו**, אז אפילו ממש אנהויב איז מען נאך געווען בשפל המצב אין די שערי טומאה, ועכשיו, קען מען שוין יעצט פון איין מינוט אויף די צווייטע קרבנו המקום לעבודתו נתקרב ווערן צו הקב"ה.

**בשעה שיש מצוה ומרור מונחים לפניך:**

דער בעלזער רב הגה"ק רבי ישכר דוב זצוק"ל איז אמאל ארויס געגאנגען פסח ביינאכט איבער די שטאט, און ער האט געהערט ווי א איד זיצט ביים סדר טיש און ער זאגט די הגדה "**בשעה שמצה ומרור מחותנים לפניך**".

ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט דער בעלזער רב געזאגט אז דער איד האט זייער גוט געזאגט ווייל די **מצה** און **מרור** זענען טאקע **מחותנים**. און ער האט מסביר געווען זיינע ווערטער מיט א משל צו אן עושר וואס האט געהאט א טאכטער א מושלמת און ער האט געזוכט פאר איר א פאסיגן שידוך. ער האט געזוכט און ער האט געטראפן א בחור מיט אלע מעלות, אבער ער האט געהאט א חסרון אז ער איז געווען זייער ארעם און ער איז געגאנגען אנגעטון מיט צוריסענע קליידער. נאר היות ער האט זייער געוואלט האבן דעם בחור פאר אן איידעם האט ער אים געקויפט שיינע קליידער, און ער האט באלד געוואלט פראווען דעם תנאים.

דער בחור האט געבעטן פונעם עושר אז ער זאל איהם געבן צייט אז ער זאל קענען צוגרייטן א געהעריגע סעודה, אבער דער עושר איז געווען זייער אומגעדולדיג און ער האט נישט געוואלט ווארטן, און בלית ברירה האט מען געמאכט דעם תנאים מיט א קליינע סעודה, מיט א טרוקן שטיקל ברויט וואס דער ארימער בחור האט געהאט.

בשעת די סעודה איז דער עושר געגאנגען און ער האט גענומען א צוריסן שטיקל פון די בגדים וואס דער בחור האט געהאט אנגעקליידעט פארן שידוך, און ער האט דאס באהאלטן אז אויב עס וועט אמאל אויספעלן זאל ער קענען דערמאנען פאר זיין איידעם דעם מצב וואס ער האט אמאל געהאלטן דארט.

דער חתן פון זיין זייט האט אראפ גענומען א שטיקל פון דעם טרוקן ברויט און ער האט דאס עקסטער אוועק געלייגט.

מיט די יארן האט דער עושר אמאל ארויסגענומען דעם צוריסענעם בגד און געוויזן פארן איידעם "קוק נאר ווי אזוי דו האסט אויסגעזעהן איידער איך האב דיך גענומען, דו ביסט געגאנגען מיט אזעלכע צעריסענע קליידער", האט דער איידעם ארויס גענומען דאס שטיקל ברויט און געוויזן פארן שווער, "קוק נאר ווי שטארק דו האסט מיך געוואלט האבן פאר א איידעם אז די האסט ניטאמאל געקענט ווארטן

## טעמים על עניני הסדר

**טעם פארוואס כרפס דארף זיין דוקא א בורא פרי האדמה:**

כדי ס'זאל קענען פטר'ן פון צו מאכן א בורא פרי האדמה אויף די מרור אינמיטן די סעודה.

**טעם פארוואס מ'מאכט נישט קיין "בורא נפשות" אויב ער האט געגעסן א כזית פון די ירקות:**

וויבאלד די מרור ווערט גע'פטר'ט מיט די בורא פרי האדמה וואס מ'האט געמאכט אויף די ירקות, דעריבער ווערן אויך די ירקות גע'פטר'ט מיט די ברכה אחרונה וואס מ'מאכט אויפן מרור, וואס דאס איז ברכת המזון. אזוי ווי די הלכה איז ביי פירות וואס ווערן געגעסן אינמיטן די סעודה אז זיי ווערן גע'פטר'ט מיט ברכת המזון.

**טעם פארוואס מ'זאל טאקע נישט עסן פון די ירקות קיין גאנצע כזית:**

ווייל עס איז דא א דעה וואס האלט אז וויבאלד ער איז מחויב צו עסן מרור באלד נאך די מצה, איז דאך די מרור ווי א 'דברים הבאים מחמת סעודה' און עס איז ווי א טפל צו די מצה און עס ווערט שוין גע'פטר'ט מיט די המוציא, לויט דעם ווערט די מרור בכלל נישט גע'פטר'ט דורכן כרפס, נאר דורכן המוציא, ממילא אויב מ'עסט א שיעור וועט מען דארפן מאכן א ברכה אחרונה.

**טעם פארוואס מען צוטיילט די מצה ביי יחץ:**

צו ווייזן אז די אידן זענען געווען אין מצרים נאר א האלבע צייט פון 400 יאר, וואס זיי האבן געדארפט זיין אין גלות, און זיי זענען נאר געווען 210 יאר (שמחת הרגל).

ב) דער רבי בעל דברי יואל זי"ע זאגט אז פאר דעם צוברעכט מען די מיטעלסטע מצה ביי יחץ, ווייל ווען אלע דריי מצות וואס זענען מרומז

אנצוגרייטן א געהעריגע סעודה, און מ׳האט געמאכט דעם תנאים אויף דעם טרוקן שטיקל ברויט״.

דער נמשל איז: דער **מחותן** איז דער **רבונו של עולם**, און דער **חתן** איז **כלל ישראל**, דער רבש״ע האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים עירום ועריה און ער האט אונז אלעס געגעבן, און כדי מיר זאלן געדענקען פון וועלכן מצב מיר זענען געקומען האט ער אונז געהייסן עסן מרור.

אבער אידישע קינדער ווייזן פארן אייבערשטן די מצה, וואס דאס דערמאנט ווי שטארק דער אייבערשטער האט געגליסט צו אונז, אז ער האט זיך אזוי געאיילט אונז ארויסצונעמען פון מצרים אז ער האט נישט געהאט קיין צייט צו ווארטן אז די טייג זאל זיך געהעריג אפבאקן, ממילא זענען די **מצה ומרור טאקע מחותנים**.

**ר״ג אומר כל שלא אמר ג׳ דברים אלו בפסח ואלו הן פסח מצה ומרור לא יצא ידי חובתו:**

דער **צל״ח** זאגט לכאורה האט געדארפט שטיין מרור וואס קומט אלס זכר לעבדות, פאר פסח און מצה וואס ס׳איז א זכר לחירות, ווייל די עבדות איז דאך געווען פאר די חירות, אבער לויט דעם טעם אז מ׳איז ארויס פון מצרים פאר די צייט ווייל קושי השיעבוד האט משלים געווען, קומט דאך אויס אז מרור וואס איז א רמז אויף קושי השיעבוד איז אויך א זכר לחירות, ממילא גייט עס יא אויפן סדר. עס איז אבער דא נאך א טעם אז מען איז ארויס פאר די צייט ווייל דאס וואס אידישע קינדער זענען געגאנגען אין די אנדערע גלות׳ער דאס האט משלים געווען.

דאס איז דער פשט **כל שלא אמר** וגו׳ **פסח מצה ומרור** ווייל ער האלט אז ס׳איז נישט לויטן סדר, קומט דאך אויס אז ער האלט אז נישט די קושי השיעבוד האט משלים געווען, נאר די אנדערע גלות אויב אזוי **לא יצא ידי חובתו**, האט ער נאך נישט יוצא געווען זיין חוב פון די שיעבוד מצרים, און ער דארף דאס נאך משלים זיין.

**אשר פסח על בתי בני ישראל:**

דער **רבי ר׳ משה לייב סאסוב׳ער זי״ע** איז אמאל געווען ביים הייליגן **רבי׳ן רבי אלימלך פון ליזענסק זי״ע**.

געווען איז דאס די ערשטע מאל ווען ער איז געקומען צום רבי׳ן רבי אלימלך זי״ע. דער ר״ר אלימלך האט אים מכבד געווען צו זאגן תורה, האט רבי משה לייב אנגעהויבן צו זאגן תורה האט ער זיך געשטעלט אויפן פסוק "**ואמרתם זבח פסח הוא לה׳ אשר פסח על בתי בני ישראל במצרים**", איז לכאורה שווער, ווייל ווי אזוי איז אפילו מעגליך צו זאגן אויף כביכול דעם באגריף פון "איבערהיפן" ווען ס׳איז לית אתר פנוי מיני׳? ווען דער אייבערשטער איז אויף די גאנצע וועלט?! אויך איז שווער עס וואלט דאך געדארפט שטיין פסח "מעל" בתי בני ישראל נישט "על" ווייל ווען מען היפט איבער שפרונגט מען דאך איבער העכער די הייזער, און נישט אויף די הייזער?

"נאר" - האט דער רבי משה לייב זי״ע מסביר געווען - "ווען דער רבונו של עולם איז געקומען קיין מצרים און ארומגעגאנגען העכער די מצרי׳שע הייזער, וואס זענען געווען פול מיט טמא׳נע עבודה זרות, זענען דערפון נתעורר געווארן גרויסע דינים ר״ל, ווען דער אייבערשטער איז אבער אנגעקומען העכער די אידישע הייזער, איז ער כביכול אנגעפולט געווארן מיט שמחה, און האט אנגעהויבן טאנצן

## טעמים על עניני הסדר

קעגן כהן, לוי, ישראל, האלטן זיך באחדות און האבן זיך ליב אינעם דעם צווייטן, אבער פונדעסטוועגן דאך פון רשעים, און פון מענטשן וואס חבר׳ן זיך מיט רשעים דארף מען זיך אפשידן, און מען טאר זיך מיט זיי נישט חבר׳ן (הגדה דברי יואל).

**טעם פארוואס מען צוטיילט דוקא די מיטעלסטע מצה:**

ווייל די מיטעלסטע מצה איז קעגן לוי, און דער שבט לוי איז צוטיילט געווארן אויף צוויי טיילן: 1) כהנים. 2) די לוויים.

**יקח המצה האמצעית ויחלקנה לשתים:**

ס׳קען זיין די טעם אז מען צוברעכט דווקא די מיטלסטע מצה, לויט וואס עס שטייט אז די דריי מצות זענען קעגן אברהם, יצחק, יעקב, און די מיטלסטע איז קעגן יצחק.

די גמרא (שבת פ״ט) ברענגט אז לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער זאגן פאר יצחק בניך חטאו, און ער וועט ענטפערן בני הם ולא בניך! וכו׳ פלגא עלי ופלגא עלך.

וועגן דעם צוטיילט מען די מיטלסטע מצה וואס עס איז קעגן יצחק, צו מרמז זיין אז ער וועט אויך צוטיילן לעתיד לבא און זאגן פלגא עלי ופלגא עלך. (שער יששכר בשם זקינו השם שלמה)

**טעם פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די הגדה:**

דער רי״ף ענטפערט אז דאס וואס מען זאגט ביי קידוש ״זכר ליציאת מצרים״ דאס איז שוין די ברכה וואס מען מאכט אויף די הגדה.

ב) דער רשב״א זאגט ווייל וויבאלד די מצוה פון סיפור יציאת מצרים האט נישט קיין שיעור, ווי מען זאגט אין די הגדה ׳וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח׳, און אויף א מצוה וואס האט נישט קיין שיעור מאכט מען נישט קיין ברכה.

פאר פרייד **"דא וואוינט א איד!"**.

דאס זאגט דער פסוק **"אשר פסח על בתי בני ישראל"** כביכול הקב"ה האט געטאנצן **"אויף"** די הייזער פון די אידן וואס די הייזער זענען געווען הייליג און דאס האט מעורר געווען רחמים.

ווען דער רבי משה לייב זי"ע האט געענדיגט די הייליגע ווערטער, איז ער פון גרויס התלהבות ארויפגעשפרינגען אויפן טיש און ער האט אנגעהויבן צו טאנצן און זינגען **"דא וואוינט א איד"** **"דא וואוינט א איד"**!

**קרבן פסח פאר די צדיקי הדור:**

אמאל ביים סדר פארן עסן דעם אפיקומן האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט "עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין די משנה אז אין בית המקדש האט קיינמאל נישט געטארט זיין וויניגער ווי זעקס טלאים, זעקס לעמעלעך, כדי אז עס זאל אייביג גרייט זיין דער קרבן התמיד מקריב צו זיין ווען מען וועט דאס דארפן, אבער ווען דער בית המקדש איז חרוב געווען וואו זענען די טלאים אפיר געקומען?"

"נאר - האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט - נאכן חורבן בית המקדש האט מען גענומען די טלאים אין מדבר און זיי מערן זיך דארט, און פון זיי איז אליהו הנביא מקריב יעדן טאג צוויי לעמלעך אלס דער קרבן התמיד".

דער דברי חיים האט דערביי דערציילט א מעשה אז דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט געבעטן פון השי"ת אז ער וויל האבן די זכי' דאס צו זעהן האט מען אים געוויזן פון הימל ווי אזוי מלאך מיכאל איז דער כהן הדיוט און אליהו הנביא דער כהן גדול און זיי זענען מקריב דעם קרבן תמיד.

האט דער הייליגער דברי חיים צוגעלייגט אז גענוי אזוי איז אויך אליהו הנביא יעדעס יאר פסח מקריב דעם קרבן פסח, און די מנויים אויפן קרבן פסח זענען די צדיקי הדור פאר וועמען אליהו הנביא ברענגט פונעם קרבן און זיי עסן דאס, כאטש מיר זענען נישט אין ארץ ישראל און נישט אין ירושלים, ברענגט אליהו הנביא מיט אן אווירא דארץ ישראל און ירושלים פאר די צדיקים. און די וואס זענען דבוק אין די צדיקים און זיי גלייבן דערין זיי האבן די זכי' איז אזוי ווי זיי וואלטן אליין געגעסן.

האט דער צאנזער רב געזאגט "איר וועט אוודאי מיינען אז איך רעדט דא ברוחניות, ניין, איך רעד דא טאקע בגשמיות, די צדיקים עסן א געהעריג שטיקל פלייש פונעם קרבן פסח, איי מיר זענען דאך טמאי מתים? אבער די הלכה איז טומאה נדחה בציבור, דעריבער זענען מיר אין ירושלים און מיר עסן פון קרבן פסח".

דער רבי בעל דבר"י ז"ל האט דערציילט די מעשה און ער האט צוגעלייגט אז ווען דער הייליגער דברי חיים האט דאס געענדיגט דערציילן האט ער אנגעהויבן צו עסן דעם אפיקומן מיט גרויס התעוררות און ברען, אז יעדער ווער עס איז דארט געווען האט זיך געדוכט אז ער זעהט דעם דברי חיים עסן די פלייש פון קרבן פסח.

מיט די מעשה האט דער רבי זללה"ה געטייטשט **"כל דצריך"** די צדיקים וואס האבן א מעגליכקייט (צריך איז א לשון פון יכולת, מעגליקייט) **"ייתי ויפסח"** זאלן קומען דא עסן דעם קרבן פסח, כאטש **"השתא הכא"** מ'איז אין חו"ל, אבער **"לשנה הבאה"** וועלן אלע אידן עסן "בארעא דישראל".

## טעמים על עניני הסדר

**טעם פארוואס מרור ווערט אנגערופן חסא:**

דורך מידת אמת ווערט מען ניצול פון מיתה, ווען עס איז די א גזירה פון "מת" איז מען מוסיף דעם אות א', דורך דעם וואס מען איז זיך מדבק אינעם אלופו של עולם ווערט מען ניצול פון מיתה, ווייל עס ווערט "אמת". די מרור איז גמטריא "מות", ווי אזוי ווערט מען ניצול דערפון? איז די עצה אז מען זאל צולייגן דעם א', וועגן דעם האבן חז"ל א נאמען געגעבן די מרור "חסא", וואס איז דער פשט "חס" בגי' "חיים" אויב ווילסטו לעבן, "א'" זאלסטו זיך מדבק זיין אינעם אלופו של עולם. (אמרי נועם)

**טעם פארוואס מען עסט אייער ביי די סעודה:**

ווייל די ערשטע נאכט פסח געפאלט שטענדיג אויס דעם זעלבן טאג ווי תשעה באב, און אייער איז א מאכל פון א אבל, צו דערמאנען דעם חורבן בית המקדש (רמ"א).

ווייל א איי ווי מער מען קאכט עס ווערט עס הארטער און שטערקער, אזוי אויך די אידן, ווי מער מען פייניגט זיי ווערן זיי אלץ שטערקער און גרעסער (חתם סופר)

**טעם פארוואס מען גנב'עט דעם אפיקומן:**

ווייל ס'שטייט אז 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים', מ'דארף זיך פארשטעלן אז וואס ס'איז געווען אין מצרים איז געשען מיט אונז, און ס'שטייט "מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו" קומט אויס אז מ'דארף זיך פארשטעלן אז מיר זענען עובדי ע"ז, וועגן דעם גנב'ט מען די אפיקומן וואס אזוי טוען עובדי ע"ז (כ"ק מרן רבינו הגה"ק זי"ע, ברך משה)

**טעם פארוואס מען גיסט אן דעם "כוס של אליהו":**

**ליל ב׳ דפסח**

דער הייליגער **מאור ושמש זי"ע**, און זיין זון דער **גוטער איד פון ניישטאדט זי"ע** פלעגן יעדן פסח ביים צווייטן סדר נאכט דערציילן, אז עס איז געווען א צדיק אין די לעצטע דורות, האט געהאט א נאנטער חבר און זיי האבן זיך געהאט געגעבן א תקיעת כף אז ווער פון זיי עס וועט פריער שטארבן וועט קומען פון יענע וועלט צו זיין חבר און ער וועט קומען דערציילן וואס עס טוט זיך דארט אויבן אויף יענע וועלט.

דער חבר איז פריער נפטר געווארן, און דער צדיק האט געווארט זייער לאנג ביז ווען ער האט זיך באוויזן צו זיין חבר אין חלום און ער האט אים געזאגט אז עס איז זייער שווער פאר די נשמה זיך אפצושיידן פונעם עולם העליון וואס איז אזוי שיין און לעכטיג און צוריק קומען אויף די מגושמ׳דיגע וועלט, און ווען דער חבר האט אים געפרעגט ווי אזוי עס גייט דארט צו, האט ער אים געזאגט אזוי "יעדע צווייטע נאכט פסח נעמט דער אייבערשטער צוזאמען די גאנצע פמליא של מעלה, און ער זאגט זיי גייט זעהט ווי אזוי די אידן רעכטן אפ דעם סדר מיט א פלאם און א ברען, אין די נאכט וואס עס איז שוין נישט קיין מצ"ע מן התורה, און נאר די רבנן האבן דאס צוגעלייגט. און עס איז נאכדעם געווארן אזא שמחה דערפון אויבן אין הימל אז עס איז נישט מעגליך דאס צו קענען דערציילן.

**חסל סידור פסח כהלכתו ככל משפטו וחוקתו:**

זאגט דער **ויגד משה** אז מ׳קען מרמז זיין אין דעם וואס עס שטייט אין ספה"ק **בית אהרן** אז וועגן דעם רופט מען דאס ׳סדר נאכט׳ ווייל דאס איז א סדר אויפן גאנצן יאר.

דאס זענען מיר מתפלל **כאשר זכינו לסדר אותו**, אזוי ווי מיר האבן זוכה געווען זיך צו פירן ביי דעם סדר, **כן נזכה לעשותו** אזוי זאלן מיר זוכה זיין זיך צו פירן א גאנצן יאר אז עס זאל זיין פול מיט תורה און מצות און שטענדיג זאלן אידישע קינדער זיין פרייליך מיט שמחה של מצוה.

**טעם פארוואס מ׳זאל נישט מפסיק זיין אינמיטן די הגדה:**

אין ספר **אהבת תורה** מאכט ער א חשבון אז פון **הא לחמא עניא** ביז **גאל ישראל** איז דא אלף תת"כ (1820) ווערטער, דאס באטרעפט פונקט וויפיל שמות הוי"ה ב"ה עס איז דא אין די תורה, ממילא זאל מען נישט מפסיק זיין אינמיטן די שמות.

## טעמים על עניני הסדר

ווייל עס איז דא פוסקים וואס זאגן אז מען דארף טרינקן פינף כוסות. און יעדע ספק אין די הלכה וועט אליהו הנביא פארענטפערן ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו, וועגן דעם גיסט מען אָן דעם פינפטן כוס של אליהו און מירווארטן אז אליהו הנביא זאל קומען און זאגן אויב מען דארף עס טרינקן.(הגר"א מווילנא).

**טעם פארוואס מען עפענט די טיר פאר אליהו הנביא:**

ווייל פסח ביינאכט איז ליל שימורים מיר האבן פון גארנישט מורא, מיר ווייזן אז מיר האבן אמונה און בטחון אין הייליגן באשעפער אז ער וועט אונז קיינמאל נישט פארלאזן, עפענט מען די טיר צו ווייזן אז מען דארף נישט מורא האבן ווייל מיר זענען באשיצט פון השי"ת (רמ"א).

די טעם פון פותחין הדלת קען זיין ווייל די בהמ"ק ווערט אנגערופען "בירה" און ס׳איז דא 2 בתי מקדשות בהמ"ק של מטה און בהמ"ק של מעלה, און ס׳שטייט אז ווען די בהמ"ק איז חרוב געווארן איז עס ארויף אין הימל און ס׳האט זיך באהאפטן צו די בהמ"ק של מעלה, און ווען די צוויי בתי מקדשות זענען באהאפטן איז עס צוויי מאל "בירה" וואס איז גמטריא "דלת",

וועגן דעם איז מען מתפלל "פותחין הדלת" אז די צוויי בתי מקדשות וואס זענען יעצט בגמטריא דלת זאל זיך עפענען אין זיך אפטיילן אויף צוויי. (מהר"ש מבעלזא)

**טעם פארוואס מ׳זאגט נישט קיין ברכה אויפן הלל וואס מ׳זאגט ביים סדר:**

ווייל מ׳זאגט נישט הלל אויף איינמאל, נאר די ערשטע האלב פאר די סעודה, און די צווייטע האלב נאכן בענטשן.

# אוצר דרושים

**הא לחמא וגו׳ כל דכפין ייתי וייכול:**

דער **חיד"א** זלה"ה זאגט ס׳שטייט אין ספרים א טעם פארוואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים פאר די צייט ווייל די קישוי השיעבוד האט משלים געווען די צייט. דאס קען איך אבער נאר זאגן אויב אידישע קינדער האבן א דין ווי **בנים למקום**, ווייל דעמאלטס קען איך זאגן אז הקב"ה האט נאר גוזר געווען סתם א שיעבוד און נישט קיין קישוי השיעבוד ווייל א טאטע וויל נישט זיינע קינדער זאלן שווער ארבעטן, אבער אויב מען האט א **דין עבדים למקום** האט ער עס יא גוזר געווען ווייל א מלך איז יא גוזר שווערע ארבעט אויף זיינע עבדים, ממילא קען עס נישט משלים זיין די צייט.

די מפרשים זאגן אז פון **צדקה** איז א ראיה אז אידישע קינדער האבן א **דין בנים למקום** ווייל אויב מ׳איז עבדים למקום טאר מען נישט געבן קיין צדקה, ווייל ווען א מלך איז גוזר אויף זיינע עבדים זאלן זיין ארימעלייט וויל ער נישט מ׳זאל זיי העלפן, אבער אז מען האט א דין בנים למקום מעג מען יא ווייל ווען א טאטע איז גוזר אויף זייינע קינדער אז זיי זאלן זיין ארימעלייט פרייט ער זיך ווען מ׳וועט זיי העלפן.

דאס איז פשט **הא לחמא עניא** דאס איז א רמז אויף די צייט וואס מ׳איז געווען אין מצרים ווייל "**לחמא עניא**" איז גמטריא 210 די יארן וואס מ׳איז געווען אין מצרים, און די טעם פון דעם איז ווייל די קישוי השיעבוד האט משלים געווען אויב אזוי מיז זיין אז מ׳איז **בנים למקום** און מ׳מעג יא געבן צדקה וועגן דעם **כל וייכול דכפין ייתי**

**כל דכפין יתי ויאכול כל דצריך יתי ויפסח השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל:**

זאגט דער **הייליגער רבי ר׳ יונתן זללה"ה** אז די גמרא זאגט **קרבן פסח אינו נאכל אלא על השובע**, מ׳עסט דעם קרבן פסח ווען מ׳איז שוין זאט, ווייל עס איז דא אן איסור צו צוברעכן א ביין, און אויב ער וועט עסן הונגעריגערהייט האב איך מורא אז ער וועט צוברעכן א ביין.

לכאורה איז דאך דאס נישט נוגע נאר בזמן שביהמ"ק היה קיים, ווען מ׳האט געגעסן דעם קרבן פסח, אבער היינט ווען מ׳עסט דעם אפיקומן במקום קרבן פסח וואלט מען נישט געדארפט מורא האבן צו עסן דעם אפיקומן שלא על השובע, אבער דאך זאג איך אז מ׳טאר נישט עסן דעם אפיקומן נאר על השובע, ווייל מהרה יבנה ביהמ"ק און אז מ׳וועט געדענקען אז ביז היינט האט מען געמעגט עסן דעם אפיקומן הונגעריגערהייט וועט מען קומענדיגעס יאר ווייטער אזוי טון, ממילא פירן מיר זיך אזוי אויך אין גלות.

דאס זאגט די הגדה **כל דכפין יתי ויאכול**, יעדער זאל עסן כדי מ׳זאל נישט זיין הונגעריג, און הערשט נאכדעם ווען מ׳איז שוין זאט **כל דצריך יתי ויפסח**, מעג מען עסן דעם קרבן פסח, איי פארוואס דארף דער אפיקומן געגעסן ווערן על השובע, עס איז דאך נישטא קיין פראבלעם פון צוברעכן א ביין, אויף דעם ענטפערט דער בעל הגדה **השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל**, דארף איך חייש זיין אז מ׳זאל נישט זאגן אשתקד מי לא אכלנו שלא על השובע.

**מה נשתנה:**

דער חיד"א אין הגדה שמחת הרגל איז מסביר די ערשטע קשיא און וואס עס איז די תשובה וואס דער טאטע ענטפערט עבדים היינו.

די גמרא זאגט אין מס׳ פסחים (דף כ"ט ע"ב) אז **חמץ** איז **אסור במשהו**, דער רא"ש זאגט דעם טעם פארוואס חמץ איז אזוי הארב אז עס קען נישט בטל ווערן, ווייל לא בדילי אינשי מיני׳, מענטשן זענען א גאנץ יאר געוואוינט צו עסן חמץ, ממילא מוז מען דאס אסר׳ן אויף א הארבן אופן.

אבער דאס איז נאר אין פסח משא"כ ערב פסח נאך חצות, כאטש מ׳טאר שוין נישט עסן קיין חמץ, אבער עס ווערט נאך בטל בס׳ אזוי ווי אלע אנדערע איסורי תורה.

קומט דער בן החכם און פרעגט א שטארקע שאלה, **שבכל הלילות אנו אוכלים חמץ ומצה**, און אויב מ׳עסט א גאנץ יאר חמץ ומצה איז דאך לא בדילי מיני׳, אויב אזוי פארוואס **הלילה הזה כולו מצה**, פארוואס נאר יעצט ביינאכט איז כולו מצה, און א משהו חמץ אסר׳ט, אמער ערב פסח נאכמיטאג איז דאך אויך שייך דער טעם פון לא בדילי אינשי מיני׳ און עס וואלט אויך געדארפט זיין אסור?

אויף דעם איז דער תירוץ **עבדים היינו וכו׳ ואילו לא הוציא הקב"ה הרי אנו ובנינו** וכו׳ ווי די מפרשים זאגן אז ווען אידן בלייבן ווען נאך אביסל אין מצרים וואלט מען ווען פארפאלן געווארן אין די נ׳ שערי טומאה. און אלס זכר צו דעם אז די אידן זענען געווען איין משהו אוועק פון פארפאלן ווערן ח"ו, האט מען געמאכט א רמז אז חמץ איז אסור במשהו צו צייגן דעם כח פון א משהו. דאס זאגט דער טאטע אינעם תירוץ אז דער גאנצער טעם פון חמץ אסור

במשהו איז ווייל **ואילו לא הוציא הרי אנו משועבדים**, און אידן וואלטן פארפאלן געווארן ח"ו אויף אייביג, ממילא וועגן דעם איז דוקא הלילה הזה כולו מצה, ביינאכט ווען עס איז שוין געווען דער נס הגאולה פון כלל ישראל.

**ויוציאנו ד' ממצרים ביד חזקה וכו' וכל המרבה לספר וכו':**

דער בעל הגדה ברענגט שפעטער אז בן זומא לערנט אז מען דארף פארמערן צו דערציילן יציאת מצרים אויך ביינאכט, און ער לערנט עס ארויס פון די פסוק "כל" ימי חייך.

די מפרשים ברענגען צוויי טעמים פארוואס מען איז ארויס פאר די צייט, 1) ווייל די קושי השיעבוד האט משלים געווען, 2) ווייל די נעכט האבן משלים געווען.

לכאורה לויט די צווייטע טעם דארף מען נישט קיין פסוק צו ארויס לערנען אז מזכירין יציאת מצרים בלילות, ווייל עס פארשטייט זיך אליין, אז אויב די נעכט האבן משלים געווען, און דורך דעם האט מען געקענט ארויסגיין, דארף מען עס דערמאנען אויך ביינאכט, אבער לויט די ערשטע טעם אז די קושי השעיבוד האט משלים געווען דארף מען יא דעם פסוק.

דאס קען זיין פשט, ויוציאנו ד' "**ביד חזקה**", וואס די ספרים ברענגען אז די יד חזקה האט אויסגעפעלט ווייל זיי זענען געווען משוקע אין דעם שיעבוד, וואס דאס איז געקומען צוליב דעם קושי השיעבוד, אויב אזוי קומט אויס אז די קושי השיעבוד האט משלים געווען און נישט די נעכט, און מען דארף יא האבן א פסוק אז מען דארף פארמערן צו דערציילן אויך ביינאכט, וועגן דעם "**וכל המרבה לספר**, לערנט מען ארויס פון דיווארט "כל" אז מען דארף פארמערן צו דערציילן אויך ביינאכט. (אמרי נועם)

**וחכמים אומרים כל ימי חייך להביא ימות המשיח, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל:**

הגאון **רבי יהודה אסאד זי"ע** זאגט אז די מחלוקת צו מזכירין יציאת מצרים בלילות איז תלוי אין די צוויי טעמים פארוואס מען איז ארויס פון מצרים פאר די צייט. 1) די מלאכים האבן עס משלים געווען 2) דאס וואס די אידן האבן געארבעט אויך ביי די נעכט האט עס משלים געווען.

לויט די צווייטע טעם איז דער דין אז **מזכירין יציאת מצרים בלילות** ווייל דורך די נעכט איז מען ארויס פון מצרים אבער לויט די ערשטע טעם וועל איך זאגן אז דער דין איז **אין מזכירין יציאת מצרים בלילות**.

ס'שטייט אז ביי מתן תורה האבן די מלאכים גע'טענה'עט **תנה הודך על השמים** האט משה זיי געענטפערט **כלום במצרים הייתם** זענט עטס דען געווען אין מצרים אז איר זאלט קענען נעמען די תורה וואו עס שטייט 'אשר הוצאתיך מארץ מצרים? אבער דער תירוץ איז גוט נאר לויט די טעם אז די נעכט האבן משלים געווען אבער לויט די טעם אז די מלאכים האבן משלים געווען, קומט דאך אויס אז זיי זענען יא געווען אין מצרים, ממילא איז נישט גוט די תירוץ פון משה רבינו און עס קומט זיך זיי יא די תורה.

דאס איז פשט **וחכמים אומרים כל ימי חייך להביא לימות המשיח** און די דין איז אז **אין מזכירין יציאת מצרים בלילות** ווייל זיי לערנען אז נישט די נעכט האבן משלים געווען נאר די מלאכים אויב אזוי קומט זיך יא די תורה פאר די מלאכים און מיט דעם אלעם האט עס הקב"ה געגעבן פאר די אידן וועגן דעם **ברוך שנתן תורה לעמו ישראל**.

**אחרי כן יצאו ברכוש גדול, והיא שעמדה:**

די **הגדה שמחת החג** זאגט א קישור צווישן די צוויי ענינים, ווייל דער אריה"ק זאגט אז **והי"א** מיינט מען די **שכינה הקדושה**, דאס איז געווען **שעמדה לאבותינו ולנו**, ווייל די שכינה איז אראפ געקומען אין טומאת מצרים משלים זיין די 400 יאר, און מהאי טעמא זענען אידן ארויס פון מצרים נאך 210 יאר.

לכאורה האט דאך דאס נישט אויסגעפעלט אז כביכול זאל משלים זיין די יארן נאכדעם וואס רש"י זאגט אין פר' לך אז מ'רעכנט די יארן פון לידת יצחק. נאר די מפרשים זאגן אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אאע"ה כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם, און אויב זאג איך אז ארץ כנען האט שוין באלאנגט פאר אברהם אבינו דעמאלטס קען מען דאס נישט אריינרעכענען אינעם חשבון פון די יארן.

נאר די שאלה צי אברהם אבינו האט געקענט קונה זיין ארץ כנען, ווייל אברהם אבינו האט דאס קונה געווען בקנין הילוך, ווי דער פסוק זאגט קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה, און קנין הילוך איז מכח חזקה, און דער רמב"ם פסק'עט אז א גוי קען נישט קונה זיין מיט חזקה, קומט אויס אז אויב די אבות הק' האבן געהאט א **דין ישראל קודם מ"ת** האט אברהם אבינו קונה געווען דאס לאנד, איז דאס שוין נישט ארץ לא להם, ממילא קען איך דאס שוין נישט רעכענען פאר די יארן פון גלות.

די מפרשים זאגן אז דאס וואס די אידן זענען ארויס מיטן **רכוש גדול**, איז א ראי' אז אידן האבן שוין דעמאלטס געהאט

א דין **ישראל**, ווייל נאר ביי א איד שטייט אז ווען ער גייט ארויס דארף מען אים געבן **הענקה**.

דאס זאגט דער בעל הגדה **ואחרי כן יצאו ברכוש גדול**, אז די אידן וועלן ארויסגיין מיט א רכוש גדול וואס דאס איז **הענקה**, ממילא איז געדרינגען אז מ'האט געהאט א **דין ישראל**, קען מען דאך נישט רעכענען פון לידת יצחק, וועגן דעם **והי"א שעמדה לאבותינו**, האט דער רבש"ע געדארפט משלים זיין די צייט פון גלות.

**צא ולמד מה ביקש לבן הארמי:**

די **מפרשים** פרעגן לכאורה איז דער ציהל פון די הגדה ווי מער גרעסער מאכן דעם נס פון יציאת מצרים, אויב אזוי פארוואס זאגט ער דא אז די גזירה פון **לבן** איז געווען גרעסער ווי **פרעה** וואס דאס נעמט אוועק פונעם נס יציאת מצרים.

ענטפערט דער רבי מרן **הברך משה** זי"ע אז אין מדרש שטייט (שמו"ר פ"א סי"ח) אז פרעה האט געהייסן אריינווארפן די אינגלעך און וואסער און די מיידלעך לאזן לעבן, פארוואס האט ער אנגעזאגט אז מ'זאל לאזן לעבן די מיידלעך, ווי עס זעהט אויס האט ער דוקא געהאט א סיבה דערביי, זאגט דער מדרש אז זיין סיבה איז געווען צו נעמען די מיידלעך פאר ווייבער פאר די מצרים.

עס איז ידוע וואס חכמינו ז"ל זאגן **גדול המחטיאו יותר מן ההרגו**, ווייל איינער וואס הרג'עט א מענטש נעמט ער אים אוועק נאר פון די וועלט, אבער איינער וואס מאכט זינדיגן נעמט אוועק פון ביידע וועלטן.

דאס זאגט די הגדה, אז פרעה איז געווען פול ארגער ווי לבן, ווייל **פרעה לא גזר אלא על הזכרים**, ווייל ער האט נישט נאר געוואלט הרג'ענען די אידן, נאר ער האט געוואלט אויך מחטיא זיין די אידישע טעכטער, אבער **לבן ביקש לעקור את הכל**, איז ער געווען א קלענער רשע ווייל ער האט נאר געוואלט הרג'ענען יעדן און נישט מחטיא זיין.

**זכר למקדש כהילל, כן עשה הילל בזמן שבית המקדש היה קיים וכו' לקיים מה שנאמר וכו':**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס זאגט מען די ווערטער **'בזמן שבית המקדש היה קיים'** וואס וויל ער דערמיט מוסיף זיין? אויסער דעם וואס זאגט מען ווייטער **'לקיים מה שנאמר'** אלע מצות פון די תורה האט דאך הילל מקיים געווען, וואס איז דער חידוש מיט די הלכה.

ברענגט דער **ילקוט האורים** א שיינער תירוץ, ווייל עס זענען דא צוויי דיעות פארוואס מ'עסט מצה ומרור פסח ביינאכט, איין דעה איז אז דאס איז א גזירת הכתוב, און די צווייטע דעה ברענגט א מדרש אז די ערשטע נאכט פסח געפאלט אין די זעלבע טעג אין די וואך פון תשעה באב, ממילא עסט מען מצה ומרור זכר לחורבן.

פרעגן די מפרשים אויף דעם פשט, אויב איז דאס א זכר צו די צרות וואלט מען ווען קודם געדארפט עסן די מרור וואס איז א זכר צום וימררו את חייהם און נאכדעם די מצה וואס דערמאנט שוין דעם חירות? ענטפערן זיי אז דאס וואס מ'עסט מרור נאך מצה איז א רמז אויף די שווערע צייטן וואס וועלן קומען נאכן באפרייאונג פון מצרים, דאס איז דער ווייטערדיגער חורבן ביהמ"ק.

קומט אויס לויט דעם טעם פארשטייען מיר גוט פארוואס מ'עסט היינטיגע צייטן מצה ומרור זכר לחורבן, אבער בזמן שביהמ"ק הי' קיים, האט מען דאך נישט פארשטאנען דעם טעם פון עסן מצה ומרור, ווייל דער ביהמ"ק איז דאך נאך געשטאנען.

דאס זאגט דער בעל הגדה: **כן עשה הילל בזמן שבית המקדש היה קיים**, איי בזמן שביהמ"ק איז דאך נישט שייך דער טעם פון זכר לוחרבן, וועגן דעם זאגט ער ווייטער אז זיין טעם איז געווען **"לקיים מה שנאמר"**, ווייל דאס איז גזירת הכתוב.

# פירוש על חד גדיא

מהגאון מהר"ט מפראנקפורט

**חד גדיא חד גדיא דזבין אבא בתרי זוזי:**

(א וויכוח צווישן א איד און א מצרי) דער טאטע האט געקויפט א ציג (די ע"ז פון די מצריים) פאר זייער א ביליגער פרייז, 2 גילדען. און צו אזא ביליגע זאך בוקן זיך די מצריים.

**ואתא שינרא**

רופט זיך אהן דער איד: "פארוואס דינט איר דעם "ציג" וואס קאסט אזוי ווייניג געלט, דינט בעסער די "קאץ" וואס איז שטערקער און קען אויפעסן די ציג". זאגט דער מצרי: "גוט, מיר וועלן דינען די קאץ"!

**ואתא כלבא**

זאגט דער איד: "אויב אזוי, דינט בעסער דעם "הינט", וואס ער קען צורייסן די 'קאץ' אויף שטיקער און מאכן א ענדע פון די ע"ז! ענטפערט דער מצרי: "גוט, מיר הייבען אהן צו דינען דעם שטארקן הינט"!

**ואתא חוטרא**

זאגט ווייטער דער איד: "אויב אזוי, איז שוין בעסער אז איר דינט דעם "שטעקן" וואס קען שלאגן און הרג'נען דעם הינט"... ענטפערט דער מצרי: "טאקע גוט, מיר וועלן דינען פאר דעם "שטעקן" וואס האט אין זיך א שטארקן כח, און מיר וועלן זאגן אז דער שטעקן איז אונזער גאט"!

**ואתא נורא**

זאגט ווייטער דער איד: "אויב אזוי, פארוואס דינט איר נישט דעם "פייער" וואס פארברענט דעם שטעקן און מאכט פון אים אַש"! זאגט דער מצרי: "נו גוט, מיר וועלן דינען דעם "פייער" וואס פארברענט דעם שטעקן".

**ואתא מיא**

שפעט פון איהם דער איד: "וואס פאר א גאט איז "פייער", וואס "וואסער" קען איהם פארלעשן? - "וואסער" איז דאך פוהל שטארקער פון פייער". ענטפערט דער מצרי: "זייער פיין, מיר הייבען אהן צו דינען די וואסער".

**ואתא תורא**

פרעגט איהם דער איד: "אויב די וואסער וועט זיין אייער גאט - קען דאך קומען דער "אקס" און איהם אויסטרינקען. איז דאך שוין בעסער אז איר דינט דעם אקס". זאגט איהם דער מצרי: "גוט, מיר דינען דעם אקס".

**ואתא השוחט**

לאכט דער איד: "וואס פאר א כח האט דער "אקס", עס קומט דער "שוחט" און נעמט זיין מעסער אין האנט און שחט איהם אפ"... טראכט דער מצרי: "שוין, מיר הייבן אן צו דינען דעם שטארקן "שוחט" וואס קען שחטי'ן דעם אקס".

**ואתא מלאך המות**

פרעגט איהם ווייטער דער איד: אויב דער "שוחט" איז אייער גאט ווייל ער קען שחטי'ן דעם אקס, - אבער דער שוחט ליגט דאך אין די הענט פון דעם "מלאך המות". ווען דער "מלאך המות" וויל, הרג'עט ער דעם שוחט. איז דאך שוין בעסער צו דינען דעם "מלאך המות"! זאגט צוריק דער מצרי: "זייער גוט, פון היינט אהן וועלן מיר דינען דעם שטארקן "מלאך המות". ווייל ער איז דער שטערקסטער און קען יעדן הרג'נען!

**ואתא מלך מלכי המלכים**

רופט זיך אן דער איד: "דו טיפש וואס דו ביזט"! די אלע שטארקע כוחות וואס געפונען זיך אויף דער וועלט, איז דאך גארנישט קעגן די שטארקע כח פון דעם איין איינציגען באשעפער וואס האט באשאפן דיהימל און ערד"! ער מאכט דאך אלעם לעבן און העלפט יעדן איינעם עס איז נישט דא קיין אנדערע גאט אויסער אים".

ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע פעלקער איינזעהן אז עס איז טאקע נישט דא נאך א באשעפער אויף דער וועלט אויסער דער אייבערשטער, און זיי וועלן אנהייבן אים צו דינען מיט'ן גאנצן הארץ, במהרה בימנו אמן!

## אוצר הידיעות

# שורפו משמני פול ולוד ביקד יקוד פסח

פסח ביים סדר זאגן מיר דעם פיוט "**ואמרתם זבח פסח**" אין וועלכן עס ווערט אויסגערעכנט מערערע נסים וואס זענען פארגעקומען בליל התקדש חג הפסח, וועלן מיר דא לערנען א הערליכן ענין אויף דעם:

דער הייליגער **בני יששכר** אין ספה"ק **דרך פקודיך** ברענגט וואס **הרה"ק רבי ר' מנחם מענדל מרימאנוב זי"ע** האט געטייטשט דעם פיוט אז **פול ולוד** מיינט מען סנחריב און זיין מחנה וואס זענען פארברענט געווארן אינמיטן די נאכט דורך די מלאכי מעלה, און זייער טויט איז געווען אזוי ווי מ'פארברענט דעם קרבן פסח.

לכאורה איז שווער דעם קרבן פסח פארברענט מען נישט נאר מ'בראט עס?

האט דער **רבי ר' מענדעלע זי"ע** געזאגט אז סנחריב מיט זיינע סאלדאטן זענען אנגעקומען ערב פסח און באלאגערט ירושלים, די אידן האבן נישט געוואוסט וואס דא וועט זיין צי זיי וועלן זוכה זיין צו עסן דעם קרבן פסח, ווייל עס קען דאך מעגליך זיין אז ביז ביינאכט וועט דער שונא אריינקומען אין די שטאט, און זיי וועלן שוין נישט קענען עסן דעם קרבן פסח. האבן זיי געוואלט אריינכאפן מקיים צו זיין די מצוה וויפיל און וואס עס איז נאר מעגליך ווי לאנג מ'לעבט נאך, האבן זיי גע'שחט'ן דעם קרבן וואס דאס איז א מצוה פאר זיך, נאכדעם וואס זיי האבן גע'שחט'ן דעם קרבן און זיי האבן געזעהן אז עס איז נאך אלס דא צייט, האבן זיי געוואלט אריינכאפן נאך עפעס האבן זיי דאס געבראטן, וואס דאס איז אויך אן הכנה צום עסן, און זיי האבן ווייטער געהאפט אז אויב וועט מען נאך קענען אריינכאפן צו עסן איז זיכער גוט, און אז נישט וועלן זיי האבן געטון די מצוה ביז אהער.

למעשה, וויבאלד די אידן האבן זיך די גאנצע צייט אזוי געיאגט, און זיי זענען געווען אזוי טרויעריג און צוטראגן האבן מען נישט אכטונג געגעבן אויף די קרבנות בשעת ווען זיי האבן זיך געבראטן אז דאס זאל זיין גוט אפגעבראטן און גוט צום עסן, און למעשה איז עס געווארן פארברענט פון די היץ, אזוי ווי עס פאסירט געווענליך ווען עס שטייען נישט קיין מומחים וואס געבן אכטונג אז עס זאל זיך בראטן ווי עס דארף צו זיין.

ווען די אידן האבן געזעהן אז דער קרבן פסח האט זיך פארברענט האט זיי דאס זייער וויי געטון אז זיי וועלן נישט קענען מקיים זיין די מצוה כתיקונה, האבן זיי פאר צער געזאגט "דער אייבערשטער זאל העלפן אז סנחריב מיט זיינע סאלדאטן זאלן פארברענט ווערן ווי אונזער קרבן פסח, דער אייבערשטער האט טאקע מקיים געווען זייער קללה און סנחריב'ס מחנה איז פארברענט געווארן".

דאס זאגט מען אינעם פייט **שורפו משמני פול ולוד ביקד יקוד פסח**, אז אין די זעלבע צייט וואס זיי זענען געווען דער גורם אז דער קרבן פסח איז פארברענט געווארן, און די אידן האבן זיי פארשאלטן אז זיי זאלן פארברענט ווערן, איז דאס טאקע געשעהן, און דאס איז טאקע דער טעם פארוואס זיי זענען געווען נידון בשריפה און נישט בצלי.

דער הייליגער **בני יששכר** פירט אויס זיינע ווערטער "**ובאלה הדברים יונח בטוב טעם וערבים עלי דברי דודים, דברי כבוד אדמו"ר, וציינתי הענין למשמרת בכאן**".

## אוצר הידיעות

# ליל שימורים

די הייליגע נאכט פון פסח ווערט אנגערופן אין די תורה הק׳ **ליל שימורים**. אידישע קינדער פירן זיך פארשידענע מנהגים אנצוצייגן אונזער אמונה אינעם ליל שימורים.

עס איז כדאי מעתיק צו זיין דעם לשון פון **רבינו נסים** גאון אין זיין **מגילת סתרים**: "ומנהג בכמה מקומות שאין נועלין החדרים שישנים בהם בלילי הפסח, כי בניסן נגאלו ובניסן אנו עתידין להגאל, דכתיב ליל שמורים הוא לה׳, לילה המשומר ובא מששת ימי בראשית, ואם יבא אליהו ימצא הבית פתוח ונצא לקראתו מהרה, ואנו מאמינים בזה ובשכר זאת האמונה נגאל בעה"י במהרה בימינו אמן".

אזוי אויך ברענגט דער **מהרי"ל** אז צוליב דעם טעם שפארט מען נישט צו די טיר מיטן שטארקן ריגל אזוי ווי יעדע נאכט, כדי צו ווייזן אונזער אמונה אז מ׳פארלאזט זיך אויף די שמירה פונעם רבש"ע.

דער **רמ"א** אין **דרכי משה** (סי׳ ת"פ) ברענגט בשם מהר"י ברונא אז מ׳פירט זיך צו עפענען די טיר ביי שפוך חמתך, ווייל דער אור זרוע ברענגט אז מ׳האט זיך געפירט פסח ביינאכט נישט צו פארשפארן די טירן, און דאס איז אמונה אינעם אייבערשטן און אין זיין הבטחה, און אינעם זכות פון די הבטחה וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט, וועגן דעם עפענט מען די טיר ביי שפוך חמתך צו ווייזן אז בזכות די אמונה איז ראוי אז משיח זאל קומען.

א אינטערעסאנטער מנהג ווערט געברענגט אין ספר **יוסף אומץ** (סי׳ תשפ"ח) אז ווען מ׳זאגט שפוך חמתך פאלט איינער אריין אינעם טיר, וואס דאס איז אויך א אנצייגונג אויף אונזער ווארטן אויף משיח צדקינו.

**רבינו הק׳ בעל דברי יואל זי"ע** פלעגט איבערחזר׳ן די ווערטער פונעם הייליגן **מהר"ל מפראג זי"ע** אז דער טעם פון עפענען די טיר פאר שפוך חמתך איז וויבאלד הלל נרצה קומען מעורר רחמים זיין אויף די גאולה שלימה, זענען מיר מחויב צו מודיע זיין פאר אונזערע קינדער, און מפרסם זיין וואס מיר האבן מקובל פון די נביאים אז פאר דער זמן פון די גאולה שלימה וועט קודם קומען אליהו הנביא און מבשר זיין די בשורה פון די גאולה שלימה, און דאס איז געוואלדיגער יסוד צו אונזער אמונה אין ביאת המשיח, אז מיר זאלן נישט אריינפאלן אין קיין נעץ פון קיין משיחי שקר, וועגן דעם עפענען מיר די טיר פאר אליהו הנביא, און מיר גיסן אן א כוס לכבודו, אלעס כדאי מפרסם צו זיין פאר די בני הבית און זיי מודיע זיין אז די גאולה שלימה ווענדט זיך אין אליהו הנביא וואס וועט קודם קומען מבשר זיין די בשורת הגאולה, און דאס וועט זיין דער צייכן אויף ביאת המשיח.

דער **רמ"א** ברענגט (סי׳ תפ"א ס"ב) אז מ׳פירט זיך נישט צו ליינען קריאת שמע, נאר די ערשטע פרשה פון שמע, און נישט אלע אנדערע קאפיטלעך וואס מ׳זאגט וועגן שמירה, ווייל די נאכט איז א אפגעהיטענע נאכט.

**בנוגע ברכת המפיל** איז א מחלוקת, דער **מגן אברהם** האלט אז מ׳דארף זאגן המפיל, אבער דער **אריז"ל** זאגט אז מ׳זאל נישט זאגן ׳דהוי לשמירה ונראה שאינו מאמין ח"ו לדברי חכמינו ז"ל שהוא ליל שמורים".

# קרבן פסח

## סדר הקרבת קרבן פסח

די עדות'שאפט פון א רוימי'שן גוי וואס האט צוגעזעהן דעם סדר פון הקרבת קרבן פסח:

אין "שבט יהודה" ווערט געברענגט אן עדות פון א גוי, א רוימישער שר וועלכער איז געווען אין ירושלים בזמן ווען מען האט מקריב געווען דעם קרבן פסח, און ער האט דאס אפגעשריבן, און ער באשטעטיגט גענוי אלעס וואס שטייט אין די תורה, תורה שבעל פה, לויט ווי חכמינו ז"ל האבן דאס געהייסן טון, פון וואס מ'זעהט ארויס דאס שיינקייט און פראכט פונעם בית המקדש, און מיר דערוויסן זיך וואס מיר האבן דערלייגט צוליב אונזערע זינד, און מיר זאלן מתפלל זיין מיטן גאנצן הארץ צו השי"ת אז ער זאל צוריק קערן די עבודה פונעם בית המקדש במהרה בימינו.

דערציילט ער אזוי:

"ווען עס קומט אן ראש חודש וואס ווערט ביי זיי אנגערופן ניסן, גייען ארויס די שלוחים אויפן באפעל פונעם קעניג און צו אלע פלעצער ארום ירושלים און מ'איז מודיע פאר יעדן וואס האט שאף און רינדער אז ער זאל דאס ברענגען כדי די וואס זענען עולי רגל זאלן האבן גענוג קרבנות צו קויפן, אזוי אויך דארף מען האבן אסאך פלייש צו שחט'ן ווייל עס קומט זייער א גרויסער ציבור צו גיין.

ווער עס איז נישט געקומען צו די באשטימטע צייט האט מען אוועק גענומען זיין גאנצע געלט פאר קדשי הבית, און דאס האט געברענגט אז די אלע מענטשן וואס האבן בהמות האבן זיך צוגעאיילט צו קומען.

אינעם טייכל וואס איז נעבן ירושלים האט מען דורכגעפירט די בהמות, אז דאס זאל ווערן זויבער און ריין אפגעוואשן.

אנקומענדיג צו די בערג ארום ירושלים איז אלעס ארום געווען באדעקט מיט די בהמות, אזוי ווייט אז מ'האט נישט ארויסגעזעהן קיין גראז פון די בערג, ווייל אלעס איז געווען שניי ווייס פון די שעפסן און רינדער.

ווען עס איז אנגעקומען דער צענטער טאג אין חודש ניסן איז יעדער ארויסגעגאנגען קויפן דעם קרבן, ווייל אינעם פערצנטן טאג האט מען דאס שוין מקריב געווען. עס איז געווען א תקנה ביי די אידן אז ווען מען גייט ארויס צו די עבודה זאגט קיינער נישט פאר זיין חבר 'רוק זיך אוועק, אדער 'לאז מיך גיין פאר דיר', אפילו אויב דוד המלך אדער שלמה המלך איז געשטאנען דער לעצטער אין די רייע, האט מען אים אויך נישט אריבערגעלאזט.

איך האב געפרעגט די כהנים אז דאס איז דאך נישט אויסגעהאלטן נישט צו האבן קיין דרך ארץ פאר די חשוב'ע מענטשן, האבן זיי געזאגט אז דאס איז דוקא אזוי געמאכט געווארן כדאי צו ווייזן אז ביים אייבערשטן זענען אלע גלייך, און ווען מ'גרייט צו דעם קרבן פאר אייבערשטן איז קיינער נישט גרעסער און חשוב'ער פונעם צווייטן.

ווען עס איז אנגעקומען דער פערצענטער טאג אינעם חודש, איז מען ארויפגעגאנגען אויפן העכסטן טורעם וואס איז געווען אין בית המקדש, וואס די אידן רופן דאס 'לול', און די מענטשן האבן געהאט אין די הענט דריי זילבערנע טראמפייטערס, און זיי האבן געבלאזן איין תקיעה, און נאכדעם האבן זיי אויסגערופן:

"הערט אויס דאס פאלק פונעם אייבערשטן, עס איז אנגעקומען דער זמן צו שחט'ן דעם קרבן פסח פארן נאמען פון דעם וואס האט געמאכט רוען זיין נאמען אין דעם הייליגן הויז".

ווען דאס פאלק האט געהערט דעם אויסרוף האט מען זיך אנגעטון די יום טוב'דיגע קליידער, ווייל פון ערב פסח פון האלבן טאג און ווייטער איז שוין געווען יום טוב פאר אלע אידן, ווייל פון דעמאלטס אן איז דער זמן צו מקריב זיין דעם קרבן, ביים טיר פון די גרויסע עזרה זענען אינדרויסן געשטאנען צוועלף לוויים מיט זילבערנע שטיקער אין זייערע הענט, און פון אינעווייניג זענען געשטאנען צוועלף לוויים מיט גאלדענע שטיקער אין די הענט. די וואס זענען געשטאנען אינדרויסן האבן געווארענט די אלע אנקומענדיגע אידן אז מ'זאל זיך פארהאלטן רואיג, און מ'זאל זיך נישט שעדיגן איינער דעם צווייטן ווייל יעדער יאגט זיך זייער שטארק, און דאס זאל נישט גורם זיין אז מ'וועט אריינגיין מיט א צעמישעניש און עס וועט גורם זיין צו מחלוקת.

עס האט שוין איינמאל פאסירט ווען מ'האט אמאל מקריב געווען דעם קרבן פסח און דער געדרענג איז געווען אזוי גרויס אז מ'האט ליידער צודריקט א זקן מיט זיין קרבן ל"ע.

די לוויים וואס זענען געשטאנען אינעווייניג האבן געהאלטן סדר אויף די וואס גייען ארויס אז מ'זאל זיך נישט שטופן, און ווען זיי האבן געזעהן אז עס זענען שוין אריינגעגאנגען אינעווייניג דאס מערסטע וויפיל די עזרה קען דערהייבן האבן זיי צוגעשפארט די טויערן.

ווען מען איז אנגעקומען צום פלאץ וואו מ'האט גע'שחט'ן זענען געשטאנען לאנגע שורות מיט כהנים, און זיי האבן געהאט אין די הענט גאלדענע און זילבערנע לעפלעך, די שורה וואס דער ערשטער האט געהאט זילבער האט יעדער געהאאט זילבער, און דער וואס האט געהאט גאלד האט יעדער געהאט גאלד, אלעס איז געווען זייער שיין אויסגעשטעלט להידור ולתפארת. יעדער איינער פון די כהנים וואס זענען געשטאנען אנהייב פון א שורה האט באקומען איין לעפל פון די בלוט און ער האט דאס איבערגעגעבן אינעם לעפל פון זיין חבר און דער חבר האט דאס ווייטער געגעבן ביז ווען עס איז אנגעקומען צום מזבח. דארט האט מען געשפריצט דאס בלוט אויפן מזבח און אזוי האט מען צוריק געשיקט דאס ליידיגע לעפל ביז צום פלאץ וואו מ'האט גע'שחט'ן.

אזוי איז אויסגעקומען אז יעדער כהן האט באקומען איין פולן לעפל און און א ליידיגע  וואס ער האט צוריק געגעבן, אבער עס איז נישט געווען קיין שום אויסמישונג אין די ארבעט ווייל די כהנים זענען געווען זרזין, זייער געשיקט אזוי ווייט אז די לעפלעך האבן אויסגעזעהן ווי פיילן וואס פליעט כחיצים ביד גיבור.

די כהנים האבן זיך שוין געלערנט צו די עבודה דרייסיג טאג פאר יום טוב, מ'האט פון פאראויס געקוקט יעדע טעות אדער יעדע שטרויכלונג וואס קען אונטער קומען אין די עבודה, יעדע זאך וואס זאל זיי שטערן און מ'האט זיך טרענירט קעגן די אלע שטערונגען.

עס זענען דארט געווען צוויי הויכע זוילן, און אויף דעם זענען געשטאנען צוויי כהנים וואס האבן געהאט זילבערנע טרומפייטערס אין די הענט, און יעדע מאל ווען א כיתה האט אנגעהויבן צו שחט'ן האבן זיי געבלאזן מיט די חצוצרות, כדי די כהנים וואס שטייען על הדוכן זאלן דאס הערן און זיי זאלן זאגן הלל בקול רנה ותודה.

אלע כלי שיר וואס איז געווען אין בית המקדש האט מען ארויסגענומען צו באגלייטן די עבודה, אזוי האט אויך דער מענטש וואס האט געברענגט דעם קרבן מיטגעזאגט הלל, און אויב ווילאנג מ'האט געזאגט הלל איז נאכנישט געווען פארטיג די שחיטה האט מען עס איבערגעזאגט איינמאל און נאכאמאל.

נאכן שחט'ן דעם קרבן פסח איז מען ארויס צו די עזרות, דארט איז געווען אויסגעלייגט ארום אלע ווענט אייזערנע נעגל און גאפלעך אויף וואס מען האט געקענט אויפהענגען דעם קרבן און אפשינדן די הויט, דארט איז אויך געווען אויסגעלייגט צענדליגער שטעקלעך, וואס מען האט גענוצט אז ווען אלע נעגל און גאפלעך זענען געווען פארנומען דורך אנדערע קרבנות, האט מען גענומען איין שטעקן און ארויפגעלייגט פון זיין אקסל ביזן חבר'ס אקסל, און אזוי האט מען אפגעשינדן דעם קרבן.

דאן האט מען ארויפגעלייגט אויפן מזבח די חלקים וואס גייט פארן מזבח, און דער וואס האט מקריב געווען דעם קרבן איז ארויסגעגאנגען שמחה ובטוב לב אזוי ווי א זיגער גייט ארויס פון א מלחמה, ווייל צווישן די אידן איז דאס אלעמאל געווען א שאנדע ווער עס האט נישט מקריב געווען דעם קרבן פסח אין דעם באשטימטן זמן.

די כהנים זענען געגאנגען  אנגעטון מיט רויטע קליידער בשעת די עבודה, כדי מ'זאל נישט דערקענען אויב עס איז געווארן בלוטיג, און די הויזן זענען געווען קורץ ביז די קניען און זיי זענען געשטאנען בארוועסיג, די ערמל איז אויך נאר געגאנגען ביזן ארעם, כדי עס זאל נישט שטערן בשעת די שנעלע עבודה, און אויפן קאפ האבן זיי געהאט א קליין היטל, דער כהן גדול האט געהאט א ווייסער מצנפת.

די אויבענעס וואו מ'האט געבראטן דעם קרבן זענען געווען ביי די טירן, און מען האט מיר געזאגט אז די סיבה איז כדי מפרסם צו זיין די אמונה און פאר שמחת החג, און נאכן בראטן האט מען דאס געגעסן מיט לויב און געזאנג, און מ'האט געהערט דעם קול ווייט אוועק.

עס איז נישט געווען קיין איין טויער פון די ירושלים'ער טויערן וואס זאלן פארמאכן די טיר פסח ביינאכט, פארן כבוד פון די עוברים ושבים.

ביז דא איז דער בריוו פונעם רוימישן שר.

ווען דער קעניג אלפאנסו דער גרויסער מלך ספרד האט געליינט דעם בריוו האט ער געזאגט "די אידן זענען ווערד צו כבוד אויב אזוינס געפונט זיך צווישן זיי".

שרייבט דער בעל הספר ז"ל "איך שלמה האט מען מיך געשיקט צו גיין צוזאמען נעמען געלט אויסצולייזן די געפאנגענע פון מאלאגא, און דארט אין קעניגס הויף האבן די גוים געוואלט מקריב זיין א קרבן פסח, און זיי האבן דארט געמאכט א מזבח און שורות פון כהנים מיט זילבערנע כלים און די משוטריים האבן דארט געזאגט הלל, און דאס פאלק מיטן מלך האבן זיך זייער געוואונדערט.

האט דער מלך געזאגט: אידן וואס האבן אזוינס געהאט און דאס איז פארלוירן געווארן פון זיי איז בעסער זייער טויט פון זייער לעבן". עד כאן הסיפור.

# שביעי של פסח

**ויושע ה׳ ביום ההוא**

עס שטייט אין מדרש אז קריעת ים סוף איז געווען אין זכות פון אברהם אבינו, א צווייטע דעה זאגט אז אין זכות פון די אמונה פון אידישע קינדער איז געווען קריעת ים סוף.

זאגט דער **רבי ר׳ יונתן אייבשיץ זי״ע** אז די נפק"מ צווישן די צווי טעמים איז וויל אויב זענען די אידן ניצול געווארן אין זכות פון אברהם אבינו, האבן זיי נישט געטארט קוקן אין די מפלה פון די מצרים, אזוי ווי מיר זעהן ביי לוט וואס איז ניצול געווארן בזכות אברהם אז ער האט נישט געטארט קוקן, משא"כ אויב איז מען ניצול געווארן בזכות אמונה מעג מען יא קוקן.

נאך א חילוק איז דא אז אויב זענען אידן ניצול געווארן אין אייגענעם זכות קענען זיי זאגן שירה, משא"כ אויב זענען זיי ניצול געווארן בזכות אברהם קענען זיי נישט זאגן קיין שירה, אזוי ווי די גמרא זאגט אז חזקי׳ האט נישט געקענט זאגן קיין שירה וויל ער איז ניצול געווארן אין זכות פון דוד.

דאס זאגט דער פסוק **ויושע ה׳ ביום ההוא את ישראל מיד מצרים**, וויבאלד מיר זעהן אז **וירא ישראל את היד הגדולה**, איז דאך געדרונגען אז זיי זענען ניצול געווארן בזכות אמונה, וועגן דעם **אז ישיר משה ובני ישראל** האט מען געקענט זאגן שירה.

**הים ראה וינס מה ראה ארונו של יוסף ראה:**

אין **מדרש** שטייט אז ווען יהושע האט אפגעשטעלט די זון אין גבעון האט ער זיך נישט געוואלט אפשטעלן, וויל ער האט גע׳טענה׳עט אז ער איז עלטער, וויל ער איז באשאפן געווארן אינעם פערטן טאג, און דער מענטש אינעם זעקסטן טאג, האט יהושע געזאגט זייט ווען קען א אלטער קנעכט אזוי זאגן פאר א יונגן הער, וויל די זון און לבנה זענען שוין געווארן עבדים פאר יוסף הצדיק ביים חלום.

זאגט דער **ישמח משה** אז דא האט דער ים אויך גע׳טענה׳עט אז ער איז עלטער, האט מען אים געוויזן **ארונו של יוסף**, וואס אלע צבאות השמים זענען אים געווען משועבד, איז דאך א כ"ש אז די זאכן אויף די וועלט זענען זיכער משועבד פאר אים, וועגן דעם האט ער זיך געשפאלטן.

**אחרון של פסח:**

דער **רבי זי״ע אין דברי יואל** זאגט א טעם פארוואס דער טאג ווערט אנגערופן **אחרון של פסח** און נישט **שמיני של פסח**, אזוי ווי מיר רופן אן דעם לעצטן טאג סוכות שמיני עצרת?

נאר מ׳דארף בעצם פארשטיין פארוואס איבעראל אין די תורה ווערט דער יו"ט אנגערופן **חג המצות**, און חכמינו ז"ל אין די גמרא רופן דאס אן **חג הפסח**.

קען מען זאגן דעם טעם וויל מצה איז דאך א רמז אויף די גאולה שלימה, אזוי ווי מיר זאגן ביי די הגדה **מצה זו שאנו אוכלים על שום מה על שום שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם** וכו׳, קומט אויס אז מצה וואיזט אויפן כח פונעם רבש"ע אז ער האט אויסגעלייזט אידישע קינדער פון מצרים. פסח וואיזט אויף דעם וואס ווען אידישע קינדער געפונען זיך נעבעך צווישן די גוים און זיי ליידן צרות איז דער אייבערשטער ברוב רחמיו העלפט די אידן פון די גוים וואס פייניגן זיי.

קומט אויס אז ווילאנג אידן זענען אין גלות פאסט זיך מער דער נאמען חג הפסח, און ווען עס וועט זיין דער זמן פון די גאולה שלימה, וועט דער יו"ט ווערן אנגערופן חג המצות.

לויט דעם פארשטייט מען אז די תוה"ק רעדט ווען אידן זענען ברום המעלה אזוי ווי עס וועט זיין ביי די גאולה שלימה, וועגן דעם רופט עס די תורה אן חג המצות, משא"כ אין די צייט פון חז"ל זענען אידן געווען רוב צייט בצרה ובשבי׳ אונטער די גוים, ממילא האבן זיי געוואלט בעיקר ממשיך זיין דעם כח פון חג הפסח, אז מ׳זאל ניצול ווערן פון די גוים.

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס מ׳רופט דעם יו"ט **אחרון של פסח**, וויל אידישע קינדער האפן יעדעס יאר אז דאס זאל זיין אחרון דאס לעצטע יאר **של פסח**, וואס מ׳רופט דאס נאך פסח, אבער איבערס יאר זאל מען שוין נישט רופן דעם יו"ט פסח נאר **חג המצות** ווען עס וועט זיין לשנה הבאה בירושלים בב"א.

**ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים**

דער הייליגער רבי ר׳ שמעלקא ניקעלסבורגער זי"ע פלעגט זיך קיינמאל נישט אריינלייגן אין א בעט, ער פלעגט נאר דרימלען אויפן בענקל, אײנמאל ווען דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זי"ע איז געווען ביי רבי ר׳ שמעלקא, האט ער אים צוגעגרייט דאס בעט, און ער האט דורך פארשידענע וועגן געפועל׳ט ביי אים אז ער זאל זיך אראפלייגן.

יענע נאכט האט זיך דער רבי ר׳ שמעלקא געהעריג אויסגערוהט אזוי אז דעם קומענדיגן טאג ווען ער האט געזאגט די שירה האט ער זיך אונטערגעהויבן די קליידער, וויל עס האט זיך אים געדוכט אז ער גייט אריבער דעם ים סוף. (פארט האט ער זיך אבער ווייטער אויך נישט געלייגט אין בעט)

האט דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער זי"ע געטייטשט דעם פסוק "**ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים**" אידישע קינדער זענען געווען אין אזא מדריגה, אז אפילו ווען זיי זענען געגאנגען אין די טרוקעניש, זיי זענען בכלל נישט געווען ביים ים סוף האט זיך זיי געדוכט אז זיי גייען אריבער דעם ים סוף.

# אוצר הידיעות

## עשרה נסים נעשו על הים

די **משנה** אין **אבות** זאגט אז עס זענען געווען צען נסים פאר אידן ביים ים סוף. דער **ברטנורא** רעכנט אויס די צען נסים און וואו זיי זענען מרומז אין פסוק.

א) דאס אז דער ים האט זיך געשפאלטן, ווי עס שטייט אין פסוק **ויבקעו המים**.

ב) דער ים איז געווארן ווי א הייל ארום די אידן, ווי עס שטייט אין פסוק (חבקוק ג׳) **נקבת במטיו** דו האסט געלעכערט מיטן שטעקן.

ג) אז די ערד פון ים איז געווארן אויסגעטרוקנט אן קיין בלאטע אז די אידן זאלן קענען אריבערגיין. ווי עס שטייט אין פסוק **ובני ישראל הלכו ביבשה**.

ד) ווען די מצרים זענען דארט געגאנגען און עס געווארן ליים און בלאטע, ווי עס שטייט (חבקוק ג׳) **חומר מים רבים**, די פיל וואסערן איז געווארן ליים.

ה) די וואסער וואס איז פארגליווערט געווארן איז נישט געווען פון איין שטיק, נאר אסאך קליינע שטיקלעך ווי שיינע ציגל אויסגעלייגט איינס נעבן די צווייטע. ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים ע״ד) **אתה פוררת בעזך ים**, אז די וואסער איז געווארן ווי **פירורים** (קליינע שטיקלעך).

ו) די וואסער איז געווארן הארט ווי פעלזן שטיינער, כדי די מצרים זאלן זיך גוט צוקלאפן, ווי עס שטייט אין פסוק (שם) **שברת ראשי תנינים על המים**. דו האסט צובראכן די קעפ פון די מצרים דורך די וואסער.

ז) דער ים האט זיך געשפאלטן אויף 12 שטיקער אז יעדע שבט זאל קענען אריבערגיין אויף א עקסטערע וועג. ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים קל״ז) **לגוזר ים סוף לגזרים**, דו האסט צוטיילט די וואסער אויף אסאך שטיקלעך.

ח) די וואסער איז געווארן ווי טייערע דימאנטן שטיינער און דורכזיכטיג אז די שבטים האבן זיך געקענט זעהן, ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים י״ח) **חשכת מים עבי שחקים**. די איינגעזאמעלטע וואסערן איז געווארן ווי ליכטיגע שטערנס.

ט) עס איז ארויסגעקומען זיסע וואסער וואס די אידן האבן געטרינקען, ווי עס שטייט אין די שירה **נוזלים**.

י) נאכן טרינקען איז דאס וואסער געווארן פארגליווערט און עס האט זיך צוריק אויפגעשטעלט ווי א מויער, ווי עס שטייט אין די שירה **נערמו מים נצבו כמו נד**.

# אוצר הלכות

### דיני מוריד הטל - ותן ברכה

**די ערטע טאג פסח ביי מוסף בענטשט מען טל און מען הייבט אן צו זאגן מוריד הטל**

די ערשטע טאג פסח ביי מוסף איז די הלכה אז אויב די שמש רופט אויס מוריד הטל זאגט מען שוין ביי מוסף מוריד הטל און אויב רופט ער נישט אויס הייבט מען א ביי מנחה

אויב האט ער געזאגט "מוריד הגשם", (אפילו ער האט אויך דערמאנט "מוריד הטל") אויב האלט ער נאך פאר ברוך אתה ה׳ דארף ער צוריקגיין צו אתה גיבור, אויב האט ער שיון געזאט ברוך אתה ה׳ דארף ער נאכאמאל אנהייבן שמו״ע, ווייל רעגן איז נישט גוט פאר די וועלט אין זומער (באר היטב)

אויב ער האט אנגעהויבן צו זאגן "משיב הרוח" און ער האט זיך באלד דערמאנט, און ער האט נישט געזאגט "מוריד הגשם" דארף ער נישט צוריק גיין, ווייל "משיב הרוח" קען מען זאגן א גאנץ יאר (מ״ב).

אויב איינער איז מסופק צי ער האט געזאגט בטעות 'מוריד הגשם', אדער פארקערט, די ערשטע דרייסיג טעג נאכדעם וואס מ'הייבט אן צו זאגן 'מוריד הטל' דארף ער צוריק אנהייבן שמונה עשרה, אבער נאך די דרייסיג טעג, און ער ווייסט אז ער האט אין די צייט געזאגט 90 שמונה עשרה'ס, שטעל איך אים אויף די חזקה אז ער איז שוין צוגעוואוינט צו זאגן אזוי ווי מ'דארף, און ער האט אוודאי געזאגט כהלכה.

אזוי אויך אויב האט ער זיך איינגעחזר'ט ניינציג מאל נאכאנאנד פון "מחיה מתים אתה רב להושיע מוריד הטל", שטעל איך אים אויף די חזקה אז ער איז שוין געוואוינט צו זאגן ווי מ'דארף, און ער דארף נישט איבער דאווענען אפילו פאר די דרייסיג טעג.

אבער לכתחילה זאל ער דאס נישט טון, ווייל עס איז דא א דעה אז עס נוצט נישט לגבי מוריד הטל. (עי׳ במג״א ס״ק י״ד שסיים ועי׳ בשל״ה שחולק בזה).

**מוצאי יו״ט הראשון הייבט מען אן צו זאגן "ותן ברכה".**

אויב האט מען זיך טועה געווען און מען האט געזאגט 'ותן טל ומטר' דארף מען נאכאמאל אנהייבן פון ברך עלינו, אפילומוריד מען האט זיך דערמאנט ווען ער האט שוין געהאלטן ביים סוף פון אלקי נצור, פאר יהיו לרצון אויב האט מען שוין געענדיגט דארף מען איבערדאווענען נאך דרייסיג טעג,

אזוי אויך נאכדעם וואס מ'האט שוין 90 מאל איבערגע'חזר'ט ותן ברכה דארף מען נישט איבערדאווענען.

# סדר הלימוד לימי הפסח

| זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שב״ק |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | צו<br>שבת הגדול<br>יד: - טז:<br>מתיב רב ששת<br>סוזק״ש 9:00 |
| בדיקת חמץ<br>טז: - יח:<br>בעי רבה בר אבוה<br>סוזק״ש 8:59 | ערב פסח<br>סוזק״ש 8:58 | א׳ דפסח<br>סוזק״ש 8:57 | ב׳ דפסח<br>סוזק״ש 8:56 | א׳ דחוה״מ<br>יח: - כ:<br>בעי וכו׳ עבד עברי הנמכר לעכו״ם<br>סוזק״ש 8:56 | ב׳ דחוה״מ<br>כ: - כב:<br>משנה<br>עבד כנעני<br>סוזק״ש 8:55 | שבת<br>ג׳ דחוה״מ<br>כב: - כד:<br>ואימא כי יכה כלל<br>סוזק״ש 8:54 |
| ד׳ דחוה״מ<br>כד: - כז.<br>לא בעינן צבורים<br>סוזק״ש 8:53 | שביעי של פסח<br>סוזק״ש 8:52 | אחרון של פסח<br>סוזק״ש 8:52 | אסרו חג<br>סוזק״ש 8:51 | | | |

**סדר הגורל:**
**איין מאהל דעם סדר, בפנים 1 זכות אינעם גורל**
**איין מאהל בע״פ 3 זכותים אינעם גורל**
פאר יעדע מאהל מער נאך א זכות

די אלע קינדער וואס וועלן מיטהאלטן דעם סדר,
וועלן אריין גיין אין א גורל אויף א
## סעט ששה סדרי משנה

**טייערער תלמיד!** אין די געהויבענע טעג פונעם יום טוב פסח, וואס מ׳געפונט זיך נישט אין חדר, איז שוין א תלמיד פון כיתה ח׳ גענוג ערוואקסן און גרויס צו זיין אחריות׳דיג אויף זיך אליין, אז ער זאל אויסנוצן די טעג ווי עס פאסט, און נישט לאזן אריבערגיין קיין איין טאג ליידיג מיט גארנישט טוהן פאר׳ן אייבערשטן:

## נישט פארגעסן מידי יום ביומו ומידי מועד במועדו:

❖ **מיטזאגן די יוצרות:**
טל במוסף יום ראשון: יוצר בשחרית ביום שני, יוצר בשחרית בשביעי של פסח ובאחרון של פסח

❖ **סוף זמן קריאת שמע:**
(אויבן אין קעסל שטייט יעדן טאג דעם זמן).

❖ **שיר השירים:**
שבת חול המועד פאר׳ן ליינען

❖ **תפילת מעריב:**
אפילו חול המועד

❖ **ציילן ספירה:**
יעדע נאכט (אכטונג צו געבן אז מען זאל נאך קענען ציילן מיט א ברכה ביז שבועות)

❖ **לערנען:**
די סדר הלימוד וואס מען האט באשטימט

❖ **תהלים:**
לכל הפחות 5 קאפיטלעך יעדן טאג

## א כשר׳ן און פרייליכ׳ן פסח פאר אלע חשוב׳ע תלמידים!!